18187

# קול מבשר
## צו דער יודישער פאלקס-ביבליאטהעק
ארויסגעגעבען פון שלום עליכם.

אדעססא תרנ"ב.
ОДЕССА 1892.

# КОЙЛЪ МЕВАССЕРЪ

Предвѣстникъ „Еврейской Народной Библіотеки".
изданіе Соломона Рабиновича

Н° 9082
ק' מ'

אינהאלט:

א בריעף פון דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק" צו איהר ארויסגעבער שלום עליכם.— איין ענטפער פון שלום עליכם'ן צו דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק".— „לאנדאן" א ראמאן פון דער אדעסער קליינע-בערזע. פערפאסט פון שלום עליכם.— שלאף, מיין קינד. א ליד פון שולמית.— קאררעספאנדענציעס: מאזעפעווקא, טעטרעוויץ, מאקארעווקא, יאמפעלע, סטרישטש, נאך אמאל סטרישטש, ווידעראמאל סטרישטש, און אבער אמאל סטרישטש.— קריטיק: י. ל. פרץ, „פאעזיע" (?). קריטיקוס דער צווייטער.— וויסענשאפט: ווי אזוי האט זיך דער מענש אויסגעלערענט מאכען פון פאפיר שמאטעס? ד"ר סאלאמאניס ראבינוס. נעקראלאג: דאס „יודישע פאלקס-בלאט" איז געשטארבען! — בריפקאסטען.— איבער לעבענס-אססעקוראנץ.— יודישע וויצען, משלים און מעשיות.— אנאנסען.—
פעליעטאן: פראגרעס ציוויליזאציע! א פאעמא פון שלום עליכם.—
(ביילאגע: נאטען צום ליד „שלאף מיין קינד".)

# א בריעף
## פון דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק" צו איהר ארויסגעבער שלום עליכם.

צוויי יאהר זענען אפגעלאפען זינט מיר האבען זיך געשיידט מיט דיר, ליבער פריינד!... צוויי יאהר האב איך מיך איינגעהאלטען, געשוויגען און אלץ געווארט, טאמער וועסט דו זיך ארומקוקען אויף מיר. דיין ארעמע עלענדע יודישע פאלקס-ביבליאטהעק, זיך דערמאנען אן אונזער אמאליגען גוטפריינדשאפט (געדענקסט דו? געדענקסט דו?) און זיך אומקעהרען צו מיר און זיך אפגעבען מיט מיר ווי אמאל. אין די גוטע יאהרען, אוי, יאהרען!... ווי א חלום, א גוטער, א זיסער חלום זענען זיי איבערגעפלויגען און פערשווינדען געווארען. איך דערמאן מיך אן יענע גליקליכע טאג, ווען דו פלעגסט זיך מיט מיר אפגעבען, אן יענע אלע יסורים, צרות און הארצוועהטוג, וואס דו ביזט

[ז]יך איבער מיר אויסגעשטאנען!... איך דערמאן זיך דאס אלעס אצונד און פרעג ביי דיר, ליבער שלום עליכם מיינער, וואס האסט דו אין מיר אזעלכס געפונען, [וו]אס דו האסט פלוצים אויף מיר געווארפען איין אומ-חן און זיך אזוי דערווייטערט פון מיר? פאר וואס קומט מיר אזא בזיון, אז לייט זאלען טייטען אויף מיר מיט די פינגער און זאגען: „אט איז זי, די עגונה, ער האט זי אוועקגעווארפען!" פאר וואס קומט דאס מיר? פרעג איך דיך. צי האסט דו געהאט ווען דורך מיר איין אומכבוד, חלילה? אדרבה, נעם קוק איבער דאס גאנצע פאקיל כתבים דארט ביי דיר, אין טיש-קעסטעל, און זעה, ווי איטליכער בעזונדער שרייבט דיר א ישתבח אלאנגען, א בריטען, מחברים צעגיסען זיך אין מליצות, שווערען דיר אז לא בא כבושם הזה, ס'איז נאך גאר אזא פלאדען ניט געווען „זינט די וועלט שטעהט"... און דער עולם איז אויך שטארק צופרידען מיט מיר; עס איז כמעט נישטא די יודישע שטוב, וואו

מע זאל נישט רעדען פון מיר; אפילו גאנץ גרויסע אריסטאקראטען, וואס פלעגען זיך שעמען מיט א יודישער טאכטער, א „זשידאווקע“, האבען אויך בעקומען חשק מיך אנצוקוקען ביי זיך אין שטוב. וואס דארפסט דו אסך, אפילו די בלעטער, יענע, די היילינגע מיין איך, וואס זיי איז נישט אנגעשטאנען פריהער צו דערמאנען מיין נאמען — א נקבה חלעבען, פע! — האבען זיך אויך פלוצים אנגערופען און געמאכט א רעד וועגען מיר, איטליכער אויף זיין שטייגער און, ווי עס פיהרט זיך צווישען בית-המדרש'ניקעס, עס איז געווארען א שפארענעס, א מחלוקת איבער מיר טאקי גאר ערענסט: יודען כשרע, יודען פרומאקעס האבען, קוקענדיג אויף מיר, כלומרשט פערשטעלט זיך די אויגען — א אשה, א פרעמדע, נישט רעכט! אנדערע האבען זיך איינגעשטעלט פאר דער „אלמנה“, די היילינגע די אלטע,*) שטארק מורא געקריגען, די יונגע זאל איהר חס ושלום נית שאדטען. איינינגע האבען זיך אנגענומען מיין קריוודע און געטענה'ט, אז דערווייל קען דאס פאלק מיך, און שאדטען וועל איך קיינעם נית; אדרבה, איך קאן זיי נאך נוטצליך זיין גאר אין אסך זאכען. הכלל עס איז מיט מיר געווארען פול די וועלט — א סימן, אז מיר האבען עפיס א ווערטה און דו האסט מיט מיר כלל נישט וואס צו שעהמען זיך. איז דאך די קשיא, פאר וואס האסט דו מיך טאקי אוועקגעווארפען און דו לאזסט זיך גאר נישט הארען? ס'איז שוין צייט, לאנג צייט אויפהערען צו קוועלען איין ארעמע, איין עלענדע יודישע פאלקס-ביבליאטהעק און

*) די העברעישע שפראך.

## פעליעטאן.

### פראגרעס ציוויליזאציע!

(א פאעמא פון שלום עליכם).

**I.**

אין וואסער יאהר — געדענק איך נית,<br>
געוועזען איז דאס זומער-לעב,<br>
אים דינסטאג, אדער דאנערשטאג,<br>
ס'איז אייגענטליך קיין חלוק נית —<br>
אבי ס'איז שוין געוועז.<br>
עס האבען אין מאזעפעווקא<br>
געלאזט זיך פון דער שטאדט ארויס<br>
אביסעלע שפאצירען געהן<br>
נאר אויפגעלעגט און האפערדי,



זי לאזען אזוי לאנג ווארטען! זאלסט אנקוקען, ווי אזוי אנדערע נעמען זיך איבער פאר מיר, טהוען מיר נאך ווי די מאלפעס. ציהען ארויף אויף זיך מיין פנים כלומרשט, מיינע קליידער, אפילו דעם נאמען מיינעם בענוטצען זיי, און שפרונגען איטליכען אין די אויגען אריין: „נאט, קוקט, איא אזוי ווי זיא?“... און איך בעדארף דאס הארען, זעהען און שווייגען?! האב רחמנות, ליבער שלום עליכם, אויף דיין געטרייהער שוועסטער און זיי מיך מזכה מיט א גיכער פרייהליכער בשורה טובה, אז דו האסט מיך נאך נישט אינגאנצען פערגעסען און געדענקסט נאך, אז דו האסט ערגיץ א שוועסטער, איין ארעמע און איין עלענדע, נאר א געטרייהע שוועסטער, וואס רופט זיך און חתמעט זיך

די „יודישע פאלקס-ביבליאטהעק“.

## איין ענטפער

פון שלום עליכם'ן צו דער יודישער פאלקס-ביבליאטהעק.

דיין בריעף, ליבע שוועסטער, האב איך ערהאלטען פונקט אין דער מינוט, ווען איך האב מיך שוין איינגעפאקט און געקלויבען זיך אין וועג אריין צו דיר, צו דיר, מיין יודישע פאלקס-ביבליאטהעק! דו פרעגסט פאר וואס האב איך פלוצים געווארפען אויף דיר איין אומחן און זיך אזוי דערווייטערט פון דיר? חס-ושלום! איך וועל מיך פון דיר דערווייטערען? איך וועל

ווי שבת נאכ'ן טיש,<br>
חברים דריי, האלב-היינטיגע,<br>
משכילים, פיינע איידעמליך,<br>
מיט איידלע, בלייבע פנימליך —<br>
גאנץ וואהלע יונגע לייט:<br>
פריהר הערשעלע פון טעטרעוויץ<br>
און לייבעניו דער יאמפעלער<br>
און זעלוועלע פון סטרישטש.<br>
געגאנגען פון דער שטאדט ארויס<br>
העט-ווייט, שוין נאך די מיהלען אויש,<br>
געגאנגען און גערעדט;<br>
גערעדט מיט האנד, גאנץ יודישליך<br>
און איינער פאר דעם אנדערען<br>
(חלילה נית פערשפעטיגען) —<br>
אינאיינעם אלע דריי:

דיך פערגעסען? אויף דיר איין אומחיין ווארפען? ווי פאלסט דו גאר איין אויף מיר אזעלכם צו קלעהרען? אויף מיר? אויף דעם וואס האט נישט געקוקט אויף קיין געלד, אויף קיין כבוד, אויף זידלערייען און מסירות, אויף חנופה און אויף אינטריגעס, אויף לייטיש גע-לעכטער, אויף יודישע מיילער און נאך און נאך, און איז זיך געגאנגען זיין וועג, זיך גאר נישט אומגעקוקט אפילו און זיך געזארגט נור פון דיינעטוועגען? ניין, שוועסטער לעב, איך האב דיך נאך אויף קיין מינוט נישט פערגעסען. אי וואס איך האב ביז אהער געשוויגען — איז דאס נור דערפאר, וואס דער קאפ איז מיר געוועזען פערדרעהט. שטארק דערשלאגען, נישט היינט געדאכט, פון זייטיגע ענינים, וואס געהערען זיך גאר ווינציג אן מיט דיר; אצונד בין איך פרייה און פאהר צו דיר, ליבע שוועסטער, גלייך פונ'ם יריד... אוי, דער יריד, נישט געדאכט זאל ער ווערען! דער רוח האט מיך אהינצו געטראגען. איך בין פערפאהרען, שוועסטער לעבען, אריין אין א בלאטע, א טומעל, א דולעניש, א מהומה, א פערדרעהעניש, קוים קוים מיט'ן לעבען ארויס! איך קוק זיי נור אן, די יריד-לייט, און וואונדער מיך, רבונו של עולם, ווי אזוי האלטען זיך מענשען אין אזא טאררעראם, אזא געפילדער, אזא שטופעניש מיט אזא רייסעניש איינס ביים אנדערען פון די האנד! אט פליהט איינער דאכט זיך שוין גאר מיט'ן קאפ אראפ, אט אט ווערד ער נהרג צו אלדע שווארצע יאהר — צום סוף, ווער, וואס? אנ-געחאפט זיך ביי א שטרוי עפעס, ביי א שארף פון א שווערד, זיך איבערגעדרעהט און טראסקעט ווייטער, און דרעהט אזוי לאנג, ביז ער פערדרעהט אי זיך אי יענעם, פאלט און שטעהט ווידער אויף. אויב ער קאן, און אויב ניט ברעכט ער האלז-און-געניק, און א גוטען טאג מיט דער קאפאטע! דער גאנצער עולם זעהט דאס גאנץ גוט, קוקט ווי יענער געביך „דריגעט מיט די פיס", צאפעלט, ווארפט זיך ווי א פישעלע — עס זאל דאס אנהויבען אפילו עמיצען צו ארען! היינט פאלסט דו, מארגען איך, איבערמארגען יענער, — סאדאגה, יריד בלייבט יריד; וועמענס עסק איז דאס, אז עמיצער שרייט, פאלט, גוסעט דארט און שטארבט? ווער האט צייט ארומקוקען זיך אפילו אין אזא בהלה? דערויף איז דאך עס א יריד, אוי נישט געדאכט זאל דאס ווערען!...

הכלל, איך פאהר, שוועסטער לעבען, איך פאהר, און גלייך צו דיר! אין גיכען, גאר אין גיכען וועלען מיר זיך זעהען „בעשיינפערליך"; איך וועל דיך בעניימען ווי אמאל, אין די גוטע יאהרען; איך וועל דיר ווידער דערצעהלען יענע שאנע מעשיות, וואס דו האסט ליעב, איך וועל דיר ווידער זינגען יענע לידער... הכלל איך וועל מיך ווידער אפגעבען מיט דיר ווי אמאל, און אפשר נאך מעהר ווי אמאל. גוטע פריינד וועלען אנקוועלען און שונאים וועלען צעפיקעט ווערען, קוקענדיג אויף דיר. דער עולם וועט, נישקשה, קיין פאראיבעל ניט האבען וואס מיר האבען אביסעלע פערשפעטיגט, און יענע, וואס טהוען דיר נאך דארטען, שפאצירען ארום אין דיינע קליידער, בענוצען זיך מיט דיין נאמען, וועלען בעקומען א שאנעם פנים דעמאלט ביי זיך אין די אויגען. אויך די כשרע יודען, וועלען זיך אביסעל קנייטשען

גערטענט און געשריגען אזש,
געפילדערט און געאמפערט זיך,
געשפארט זיך און געקריגט;
געשמיסט פון זאכען נייטיגע,
פון לערנען, פון פאליטיקע,
פון וועלט-ענינים גלאט;
און געהענדיג דערזעהען זיי
אקעגען פונקט – עס שניידט זיך זיי,
עס ווינקט צו זיי, עס שמייכעלט זיי
א שאנער, גרינער וואלד.

—

„שא שטיל זאל זיין – זאגט הערשעלע –
גענוג אייך שוין צו שפארען זיך,
צו פילדערען און קריגען זיך,
בעטראכט אקארשט דעם הימעל, זעהט
ווי בלוי ער איז, נור שפיגעל-גלאז,
דעם אויר דא, ווי ריין ער איז,
דאס טייכעל און דעם וואלד;
ברילליאנטען, זעהט, עס שיטען זיך,
עס בלישטשען און עס פינקלען זיך
די שטראהלען פון דער זון.
אוי זעהט נור, זעהט, די שכינה ריהט,
ס'איז ממש א גן-עדן דא;
עס שמעקט, איהר פיהלט? מיט בשמים גאר,
געווירצען עפיס, גאגעליך,
און אלעס איז דא יום-טוב'דיג,
א לעבען א דערקוויקעניש, —
ס'איז גאר איין אנדער וועלט.
אט ווייסט איהר גאר וואס, קינדערליך,
פערקאטשעט די קאפאטקעליך

פָֿערדְרֵעהֶען מִיט דִי נָאז – אוּנ סוֹף כָּל סוֹף וֶוערֶען וַוייךְ אַזוֹי וִוי טֵייג אוּנ זִיס אַזוֹי וִוי לַאקְרִיץ... הַכְּלַל, עֶס וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַלְסְדִינְג זַיין אִין בֶּעסְטֶען אָרְד־נוּנְג. זַיי נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלֶען בַּיי זִיךְ. מַיין טְהַייעֶרֶע יוּדִישֶׁע פָּאלְקְס-בִּיבְּלִיאָטֶהעק: דוּ הָאסְט דַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד נִישְׁט פֶערְלָאהְרֶען. דֶער עוֹלָם הָאט דִיךְ נָאךְ אוֹיף אֵיין טָאג נִישְׁט פֶערְגֶעסֶען אוּנ מֶע וַוארְט נוּר אוֹיף דַיין עֶרְשַׁיינֶען; אַלֶע, אַלֶע קוּקֶען אַרוֹיס אוֹיף דִיר אוּנ מֶעהְר פוּן אַלֶעמֶען אִיךְ, דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד,

שלום עליכם.

# „לָאנְדָאָן.“

## אַ רָאמַאן פוּן דֶער אַדֶעסֶער קְלֵיינֶע־בֶּערְזֶע

פערפאַסט פון שלום עליכם.

---

### I.

אדעס. ג׳ אייר תר... לפ״ק.

לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדיל שתחי׳

רֵאשִׁית בָּאתִי לְהוֹדִיעַךְ, אַז אִיךְ בִּין ב״ה בְּקַו הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם, לָאז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפֶען מֶע זָאל הָארְכֶען

---

אוּנ לֵעגְט זִיךְ דָא פַּאוָואלִינֶקֶע

אַנִידֶער אוֹיפ׳ן גְרָאז.“

---

– אַ חָכָם אוּנְזֶער הֶערְשֶׁעלֶע,

אַ קָאפֶּעלֶע! – זָאגְט לֵייבֶּעניוּ

אוּנ וֶועלְוֶועלֶע פָּאדְרַאקְעוֶועט –

עֶר פַּאלְט דִיר אוֹיף אַ זַאךְ.

סְ׳אִיז טַאקִי עֶפִּיס גוּט אָט דָא,

אוּנ שְׁמֶעקְט מִיט אַ גַן-עֵדֶן רֵיחַ;

וַוי פְרִישׁ דָא אִיז, וִוי חֵנֶעוְודִיג

דִי זוּנְן זִי שַׁיינְט פוּן פִּיטֶערְפַּאס,

דִי פֵייגֶעלִיךְ זַיי זִינְגֶען זִיךְ,

מְחַיֶה גָאר אַנְטִיק!

פָערְקַאטְשֶׁעט דִי קַאפָּאטֶקֶעלִיךְ,

בַּאלְד הָאבֶען זַיי זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעצְט

אֵיינְס פוּנֶ׳ם אַנְדֶערֶען בְּשׂוּרוֹת טוֹבוֹת. וְהַשֵּׁנִית זַיי וִויסֶען אַז אִיךְ בִּין גָאר נִיט אוּמְשְׁטַאנְד דִיר צוּ בֶּעשְׁרַייבֶּען דִי שְׁטָאדְט אַדֶעס וִוי גְרוֹיס אוּנ שֵׁיין זִי אִיז אוּנ דִי מֶענְשֶׁען דִי הִיגֶע מִיט זַייעֶרֶע גוּטֶע כַּארַאקְטֶערֶען אוּנ דִי גָאלְדֶענֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, וָואס מֶע קָאן דָא מַאכֶען. אִיךְ גֵעה מִיר אַרוֹיס אִין גְרֶעצְק *) אַרַיין, הָאב אִיךְ צְוַואנְצִיג טוֹיזֶנְד גֶעשֶׁעפְטְלִיךְ; וִויל אִיךְ וַוייץ – אִיז וַוייץ, קְלַייעֶן – אִיז קְלַייעֶן, וָואהְל – אִיז וָואהְל, זַאלְץ, פֶעדֶערֶען, זֶעק, – הַכְּלַל וָואס אַ מוֹיל קָאן אוֹיסְרֶעדֶען גֶעפִינְסְט דוּ דָא אִין דֶעם אַדֶעס. אִיךְ הָאבּ לְכַתְּחִלָּה אֲפִילוּ אָנְגֶעשְׁמֶעקְט אַ צְוַוֵיי דְרַיי גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְלִיךְ, נָאר עֶס אִיז מִיר אַלְץ נִיט גֶעוֶוען צוּם הַארְצֶען, הָאבּ אִיךְ מִיךְ אַזוֹי לַאנְג אַרוּמְגֶעדְרֵעהְט אִין „גְרֶעצְק“ בִּיז אִיךְ הָאבּ מִיךְ פָּארְט צוּגֶעשְׁלָאגֶען צוּ עֶפִּיס רֶעכְטְס, הַיינוּ אִיךְ הַאנְדֶעל מִיט „לָאנְדָאן“ אוּנ פֶערְדִינֶען דֶערְבַּיי גָאר נִישְׁטְקָשֶׁהְדִיג; מֶע חַאפְּט אַ מָאל 20, אַ מָאל 30 קֶערְבְּלִיךְ אוּנ אַ מָאל אַז עֶס גֶערָאטְהֶ, אַ פִיפְצִיגֶער אוֹיךְ. דָאס „לָאנְדָאן“ אִיז אַזאַ מִין מִסְחָר, וָואס מֶע קָאן דֶערְבַּיי גְלִיקְלִיךְ וֶוערֶען אִין אֵיין טָאג. אָט אִיז נִיט לַאנְג אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַהֶער אֵיינֶער, עֶפִּיס אַ הֶערְשֶׁעלֶע, אוּנ הָאט גֶעחַאפְּט אִין אֵיין שְׁמַע-יִשְׂרָאֵל דְרַייסִיג טוֹיזֶנְד אוּנ הָארְבְּט זַיי הַיינְט אַלֶעמֶען מִיט דֶעם קָאטֶער. אִיךְ זָאג דִיר, מַיין וַוייבּ, מַמָשׁ עֶס וַואלְגֶערְט זִיךְ דָא גָאלְד אִין דִי גַאסֶען. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קֵיין חֲרָטָה נִיט, וָואס אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלֶען אַהֶער, קֵיין אַדֶעס. גְרִיס דֶעם שְׁוֶועהר אוּנ

*) די גאס, וואו עס געפינט זיך די קליינע בערזע אין אדעס.

---

אוּנ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען צוּגֶעלֵעגְט

אִין דְרַייעֶן אוֹיפ׳ן גְרָאז.

בֶּעטְרַאכְט גָאטְ׳ס וֶועלְט, וִוי שֵׁיין זִי אִיז.

דֶעם הִימֶעל-בְּלוֹי וִוי שְׁפִּיגֶעל-גְלָאז,

דֶעם אַוִיר דָארְט וִוי רֵיין עֶר אִיז,

דָאס טַייכֶעל אוּנ דֶעם וַואלְד.

גֶעשֶׁעפְּט דִי לוּפְט, גֶעשְׁלִינְגֶען זִי,

גֶעשְׁמֶעקְט, צֶעלָאזְט דִי נֶאזְלִיכֶער,

דֶעם רֵיחַ פוּן בְּשָׂמִים נֶאגֶעלִיךְ,

זִיךְ מְכַוֵּשׁ גָאר דֶערְקְוִויקְט.

גֶעהֶערְט פוּן וַוייטֶען גָארְגֶעלְט זִיךְ

אוּנ פַייפְט אוּנ קְנַאקְט, פֶערְקַאטְשֶׁעט זִיךְ,

צֶעגִיסְט זִיךְ אוּנ פֶערְגֵעהְט זִיךְ אַזֹש

דֶער זִיסֶער סָאלָאוֵויי.

וִוי גוּט דָא אִיז, וִוי לֶעבֶּעדִיג!

שווינער און די קינדערליך זאלען לעבען גאר פריינדליך און איך ווינש דיר געזונד און הצלחה

ממני בעלך מנחם-מענדיל.

## II.

מאזעפעווקא 7 טאג אין אייר תר.. לפ"ק.

לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנק אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, אז עס האט זיך מיר ווידער אנגערופען די אמאלידיגע ספאזמע אויף די שונאים'ס קאפ געזאגט געווארען! און דאס, מענדיל, וואס דו שרייבסט מיר, אז דו פערדינסט דאנקען גאט א קערבעל, איז ביי אונז אלעמען זעהער אנגעלעגט. נאר וואס דען, האב דיר אכציג שווארצע יאהר, אז דו שרייבסט שוין יא, שרייב זשע ווי א מענש! פאר וואס זאלסט דו ניט ארויסשרייבען אקוראט, וואס איז דאס פאר א מין סחורה אט דאס „לאנדאן"? ווי טהייער לייזט מען דאס איין ארשין, צי אפשר פערקויפט זיך עס פון א פאס? פרעג מיך בחרם, וואס דאס איז, און מיט וואס מע עסט דאס! היינט פערשטעה איך ניט דאס אנקוועלען, וואס דו קוועלסט אזוי פון דער שטאדט אדעס, זי מעג נאך זיין די כפרה פאר אונזער מאזעפעווקא. דו האסט אפנים גאר פערגעסען, אז דו ביזט מיט גאט'ס הילף א טאטע פון דריי קינדערליך און האסט נאך אלץ אין זינן די כאראקטערען? אוי, מענדיל, דו ווילסט זיך גאר ניט שאנעווען! פערבלייב געזונד און פיל גליקליך און פערגעס נישט, אז דו האסט א ווייב ביז 120 יאהר. עס לאזט דיר גריסען איטליכער באזונדער גאהר הערצליך

פון מיר דיין ווייב שיינה-שיינדיל.

## III.

אדעס י"א אייר תר.. לפ"ק.

לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדיל שתחי'

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, לאז השית"ב העלפען מע זאל הערען איינס פונם אנדערען בשורות טובות. והשנית זיי וויסען, אז עס איז מיר שוין קיין חדוש ניט, וואס דו פערשטעהסט ניט דעם שכל פונם „לאנדאן", אז ווי באלד יודען סוחרים, יודען מיט בארד ווייסען ניט ווער עס האט זיי געשלייערט, היינט לא כל-שכן א יודענע. על כן וועל איך דיך קלאהר מאכען, זאלסט פערשטעהן דאס געשעפט אקוראט. הנה זיי וויסען, אז דאס „לאנדאן" גופא איז איין איידעלע מאטעריע. פערקויפען פערקויפט זיך עס אויפ'ן ווארט און זעהען זעהט מען דאס ניט. אלע מינוט בייט זיך עס, אט איז דאס טהייער, אט איז דאס וואלוועל, אט איז „האס" אט איז „בעס", דאס הייסט דאס קערבעל דארט אין בערלין אדער עס הויבט זיך, אדער עס פאלט, עס ווענדט זיך אין בערלין: ווי אזוי בערלין זאגט, אזוי איז דאס. עס לויפען די קורזען איף און אפ, עס פליהען דעפעשען. און יודען לויפען ארום ווי אויף א יריד, מאכען געשעפטען און ווערען גליקליך, און איבערהויפט די מעקלערס. עס איז א טומעל, א בהלה, מע קאן הא

---

מע פיהלט זיך עפיס שבת'דיג

און גרינג משונה פויגעלדיג

און נאהענטער צו גאט.

עס הויבט, עס טראגט, עס ווילט זיך נור

אהין, אהין... עס דרימעלט זיך,

עס חלומט זיך, עס פלאנטען זיך

מחשבות הויכע, ליכטיגע,

מלאכים אהן א ברעג,

וואס שוועבען און וואס וויגען זיך,

און טראגען זיך אין הימעל-הויך

און זינגען לידער הימעלשע,

און זאגען שירה כתות-ווייז

און געבען אפ דעם אויבערשטען

א לויבעניש פאר גאט.

עס חלומט זיך, עס פלאנטעט זיך

א גרויסע וועלט, איין אמת'ע,

דורכאויס פון גייסט, פון איביגקייט,

אהן שלעכטס, אהן באז, אהן ביטערניש,

אהן פאלשקייט און אהן חיטריקעס,

אהן שטארקערע, אהן שוואכערע,

אהן טרערהרען און אהן בלוט...

---

„אוי, קינדערליך!..." זאגט זערשעלע

פערגלאנצענדיג די אייגעליך

אהין ארויף, און זיפצט —

ס'איז דא א וועלט, א גרויסע וועלט,

איין אפענע, א ליכטיגע

פון בילדונג און פון וויסענשאפט. —

וואס זיצען מיר אט דא?

פון אלע זייטען הארט זיך נור

פערדולט ווערען. אט האב איך נעכטען געמאכט א „סטעלאַזש", מיך געקאסט א פיפציגער, איז ער היינט אין דערפריה פונקט זייגער 12 אויסגערינען געווארען. נאר דו ווייסט דאך ניט, וואס הייסט „מאכען א סטעלאזש", בעדארף מען דיר געבען צו פערשטעהן. למשל מע גיט אוועק א פיפציגער פאר א טאג אונ יענער שטעלט א קורס, קאנסט דו דיר מאכען פונם סטעלאזש „צוויי זייטען", היינו 2 „בעסען" אדער 2 „האסען", אדער גאר בלייבען שטעהן אונ פערקויפען יענעם א „בלינדערעכט" ביז נאך „שלום" („שלום" הייסט פארנאכט, ווי ביי אייך בין מנחה למעריב), איז ווי באלד דער קורס שטעהט אפ, איז כפרה דער גאנצער פיפציגער, — הייסט דאס „געמאכט א סטעלאזש". זאלסט גאר קיין יסורים ניט האבען, מיין ווייב, דערלעגען א פיפציגער איז דא פון די קלייניגקייטען. השם יתברך וועט העלפען, עס וועט „אוועקגעהן די זייט", וועל איך אם ירצה השם פערדינען געלד. גרים איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך איך וויניש דיר געזונד אונ הצלחה

ממני בעלך מנחם-מענדיל.

IV.

מאזעפעווקא 15 טאג אין אייר תר... לפ"ק.

לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנק אין בעסטען געזונד. געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, אז איך האב דיך אנגעקוקט טאקי נאר ווי א משוגענעם. לאס איך אזוי וויסען פון דיר, ווי איך הויב אפילו אן צו וויסען, וואס דו פלאפעלסט מיר אין דעם בריף: „העס" אונ „באס" אונ „דעלעזשאנס", דער שווארצער יאהר ווייסט דיך דארטען! עס פליהען ביי דיר די פיפציגערס, ווי האלעשקעס, עפיס איז ביי דיר דארטען געלד-שמעלט, הפקר א וועלט. אוודאי קאן מען געהן אין גאלד ביי אזעלכע פרנסות! איך פערשטעה גלאט ניט, וואס איז דאס פאר א מין סחורה, וואס מע זעהט זי ניט? א קאץ אין א זאק, אזא יאהר אויף מיינע שונאים! זאג מיר וואס דו ווילסט זיך, מיר געפעלט דאס ניט. איך בין ביי מיין טאטען נישט געפריוועט געווארען צו אזעלכע פרנסות, לאז מיך גאט היטען אויף ווייטער אויך. איך פערשטעה גאר ניט דאס לשון, עפיס טערקיש! ווייסט דו גאר וואס, מענדיל, טהו א שפיי אויף דעם אדעס, אונ קום בעסער צופאהרען אהיים. פינפצעהנ-הונדערט קערבליך האסט דו, א דירה גיט אונז דער טאטע זאל לעבען, קלייטען פערדינגען זיך, היינט וואס פעהלט אונז? צו וואס בעדארף איך ליגען ביי יענעם אין מויל אונ שונאים זאלען מומלען, אז דו האסט זיך אוועקגעלאזט קיין אדעס אונ מיך האסט דו אוועק-געווארפען, ניט דערלעבען זאלסט דו דאס! דערווייל פערבלייב געזונד אונ פיל גליקליך. עס לאזען דיר גריסען אלע גאהר הערצליך

פון מיר דיין ווייב שיינה-שיינדיל.

V.

אדעס י"ט אייר תר... לפ"ק

לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדיל שתחי'

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום. לאז השם יתברך העלפען מע זאל הארכען

פראגרעס, ציוויליזאציע,
השכלה, חכמה, ליכטיגקייט —
הכלל עס ברענט, עס ברענט!
די גרויסע שטערען אונזערע,
מחברים אונ רעדאקטארען,
ארויסגעבער, גאזעטניקעס,
בעלייכטען אונז דעם וועג:
דער „מליץ", וואס פון צעדערבוים,
די „צפירה", וואס פון סלאנימסקי.
דער „מגיד" דארט אין ליק.
די סבארניקעס די בייכיגע
פון גראבער אונ פון סאקאלאוו,
ראבניצקי אונ פון הורוויץ
אונ נאך אונ נאך אונ נאך;
אונ יענע וואס אויף עברי-טייטש —
דער „הויז-פריינד", די „ביבליאטיקע",
דער „וועקער", „פאלקסבלאט", טאטעניו,
דער רוסישער „וואסחאד".
חכמים, שרייבער, שרייבערליך,
פאעטען אונ משוררים
אונ ראמאניסטען, קריטיקער.
חקרנים אונ פאליטיקער
אונ גריבלער אונ היסטאריקער,
למדנים, גרויסע לייט:
לעוואנדא, מזח, לילענבלום,
דובזעוויץ, פרוג אונ דינעזאהן,
אונ שאצקעס, אונ באגראוו.
אונ ווייסבערג, פרישמאן, בוכבינדער,
יהל"ל, שמ"ר, גאטלאבער,
אונ בלוישטיין, זינגער, קאמינער,

איינס פונם אנדערען בשורות טובות. והשנית זיי וויסען, אז איך האב געחאפט, מיט גאטס הילף, גראבע עטליכע קערבליך. עס געהט אצינד א מוראדיגער „בעס", היינו פון געכטען ביז היינט איז „לאנדאן" געפאלען מיט 22 קאפיקעס, און איך האב מיך בעוואהרענט מיט 7 „בעסען" און מיט דריי „סטעלאזשען". היינט בעדארף איך אפנעמען „דיפערענצען" עטליכע הונדערט קערבליך וועל איך אם ירצה השם ווייטער מאכען „בעסען". זאלסט אנקוקען, מיין ווייב, ווי אזוי עס ווערען דא געמאכט געשעפטען אויפ'ן ווארט, זאלסט דו פערשטאנען, וואס הייסט אדעס; א שאקעל מיטן קאפ איז דא פונקט ווי געמאכט א קאנ-טראקט. איך געה מיר ארוים אין „גרעצק", קום אריין אין א "קאפיי", *) זעץ מיך אנידער ביי א טישעל און שאף מיר א גלעזעל טהעי, צי קאוע, צי עפעס אנדערש, קומט צו-געהן איין מעקלער, דער אנדערער, דער דריטער.

— וואס איז ביי אייך צו מאכען מיט „לאנדאן"?

— וואס האט איהר? – פרעג איך איהם.

— צוויי „בעסען".

— ווי טהייער?

— 35 א שטיק מיט קורטאזש.

— גוטע האנד?

— פרימא!

— נו-נו.

— געמאכט?

— געמאכט.

*) קאפעהויז.

און איך בעצאהל איהם זיבעציג קערבליך. שפעטער, אז גאט הייסט, מע ווערד געוואהר דאס „טאקסירעכ'ן" פון בערלין, קומט צו-לויפען דער מעקלער און גיט שוין א פינפאונצוואנציגער פון אויבען. און נאך שפעטער, אז מע הייסט שוין „אנפאנג" אויך, שטופט ער א פיפצי-גער, און אז גאט וויל צו „שלום" וואקסט אן א גאנצער הונדערטער. הכלל, זארג נישט מיין ווייב, עס וועט אם ירצה השם זיין רעכט! איך וויניש דיר געזונד און הצלחה לאו גריסען איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך

ממני בעלך מנחם-מענדיל.

## VI.

מאזעפעווקא 24 טאג אין אייר תר.. לפ"ק.

לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנק אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, אז איך האב שוין ווידער צו טהון מיט דיא צאהן און בעדארף זיך מוטשען מיט דיא קינדער טאג ווי נאכט. און ער, גאר ניט, לעבט זיך דארט ווי „גאט אין אדעס". וואס געהט איהם אן א ווייב, צי קינדער, צי שווער און שוויגער? דו שרייבסט מיר אזעלכע גליקען, וועה איז מיר, אז עס דרעהט זיך מיר אזש דער קאפ; עפים גלייבט זיך מיר ניט; דיינע אדעסער פייגעליך קריכען מיר ניט אין קאפ אריין, חאטש הרגה מיך. געשיקט זיך עס, אז עס פליהען אזוי פיפציגערס מיט הונדערטערס גלייך אין די

הרכבי, ספעקטאר, בעקערמאן,
גארדאן און יכנהז.
און גאלדענפאדעם, רייצענזאהן,
זאמאשטשין, רייפמאן, קולישער,
סמאלענסקין און ציטראן.
און שולמאן, גמזו, טאוויאוו
און מאנדעלקערען, דווידזאהן
און גרעטץ, וואס שרייבט היסטאריע,
און באררדיטשעווסקי אויך...
עס זידט, עס קאכט, עס טהוט זיך דארט
מע חאפט, מע שרייבט, מע ווארטעלט זיך,
מע אמפערט זיך, מע זידעלט זיך,
מע ארבייט אין געשעפט.
די וועלט איז פול מיט וויסענשאפט,
השכלה, חכמה, ליכטיגקייט,

פראגרעס, ציוויליזאציע,—
וואס זיצען מיר אט דא?"

— אט האסט דו דיר – זאגט לייבעניו
און וועלוועלע פאדטאקעוועט –
פראגרעס ציוויליזאציע.
א נייס האסט דוא דא, הערשעלע.
אונז אויפגעטאהן אצינד!
מיר זענען דען קיין היגע ניט?
מיר ווייסען ניט, מיר הארכען ניט,
וואס טהוט זיך אויף דער וועלט?
מיר זיצען דען צענויפגעלעגט
די האנד? „זאג דו שוין, וועלוועלע.
מיר האבען דען קיין ביכליך ניט.
גאזעטען און קיין סבארניקעס?

האנד אריין? וואס איז דאס פאר א מין כשוף דארטען, פערבלענזעניש, איינגעלשע רייטער, צי וואס? וועה נור, אז פון אלע גדולות זאלסט דו חלילה דאס נדן-געלד נישט אנרידהרען, ווארעם עס וועט דיר רעמאלט מעהר נישט אפגעהן! – א וועהטיג איז איהם, ער זאל זיך עס אפילו דערמאנען, אז אין דער היים האט ער א ווייב ביז 120 יאהר. מיר דאכט, דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך בעדארף האבען א זיידען מענטעלע ווי אין לעבען אריין, און וועלענס אויף א קלייד, און א צוויי שטיקליך מאראזאווס זאנע. א מינדסט נארישקייט בעדארף איך איהם דערמאנען, אליין ווייסט ער נעביך נים, דער מח איז איהם אויסגעדארט געווארען! – פערבלייב געזונד און פיל גליקליך, עס לאזען דיר גריסען אלע גאהר הערצליך

פון מיר דיין ווייב שיינה-שיינדיל.

VII.

אדעס כ"ט איר תר... לפ"ק.

לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדיל שתחי'

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, לאז השם יתברך העלפען מע זאל הארכען איינס פונם אנדערען בשורות טובות. והשנית זיי וויסען, אז איך האלט שוין ווייט, היינו איך האב מיך גוט אריינ-געחאפט אין „בעס" אריין און געה שוין אצינד מיט „פעסטלאנדאן", דאס הייסט איך טהו שוין א געב מיט א מאל צעהנטויזנד פונט, צוואנציג טויזנד פונט, נאטירליך, מיט א „דעפא" *). איך האב שוין גרויס קענשאפט אין די קאנטאהרען און עס קאמפענירט מיר שוין צו זיצען ביי

*) איינלאג.

מיר ארבייטען, מיר לייענען,
מיר ווייסען גארדען אויסווענוג...

---

„חא-חא!" – שרייט אוים פון וואלד ארוים
א קול און באלד בעווייזט זיך זיי
א קענטליכער פארשוין;
ער לאכט, ער קייכט, ער קאטשעט זיך
און האלט זיך ביי די זייטען אוש,
און קוקט אויף זיי מגושמדיג
און רעדט צו זיך אליין:
„פראגרעס, ציוויליזאציע,
השכלה, חכמה ליכטיגקייט,
זיי ווייסען גארדען אויסווענוג,
וואס זאגט איהר? חא-חא-חא!
גוט מארגען אייך, וואס מאכט איהר גוטס,

פאנקאנין **), גלייך מיט אלע גרויסע, ביי ווייסע טישעליך פון מירמעלשטיין, און היים זיך געבען א פארציע מאראזשענע, מחמת דא איז א מנהג, ווי באלד מע זעצט זיך נאר אנידער, קומט צו א מענש מיט א פראק און הייסט מע זאל הייסען געבען מאראזשענע, קאן מען נים זיין קיין דבר אחר און מע מוז הייסען געבען, און אז מע עסט אויף די פארציע, הייסט ער מע זאל הייסען געבען נאך א פארציע, און אז נים טאר מען נים זיצען און מע בעדארף זיך ארומדרעהען אויף דער גאס, איז עפים אויך נים פרייהליך: דארט שטעהט א וואכטער און לאקערט מע זאל זיך נים ארומדרעהען אויף דער גאס; יודען בעדארפען דאך אבער זיך יא ארומדרעהען, קליגען זיי זיך מיט איהם, נארען איהם אפ, אנטלויפען, בעהאלטען זיך אוים ווי ווייט מעגליך, און אז ער האפט איינעם, טראגט ער איהם אפ ווי איין אבן טוב גלייך אין אוטשאסטאק אריין, ווי איינער רעדט: אט האב איך אייך געבראכט א יודען... און וואס דו שרייבסט מיר מכח א מענטעלע, בין איך דיר מודיע, אז איך האב דיר געקויפט עפים בעסערם, היינו א זייגעריל מיט א קייטיל און א פאר בראנזעליעטען פרימא סחורה, וואס מע זעהט דאס נישט ביי אייך! איך ווינש דיר געזונד און הצלחה און גרים איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך

ממני בעלך מנחם-מענדיל.

VIII.

מאזעפעווקא דריי טאג אין תמוז תר... לפ"ק.

לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנק אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס

**) א קאפעהויז אין אדעס.

משכילים, פיינע איידעמליך,
ווי געהט דאס אייך אין קעכט?
איך מיין עס פעהלט אייך קאפ-וועהטוג,
קדחות, אדער צאהנוועהטוג, –
וואס קוקט איהר, וואס בעטראכט איהר מיך?
ס'איז איך, ס'איז איך, דאס ליטוועקעל;
איהר האט מיך נישט דערקענט?"

---

– חי-חי – צעלאכט זיך הערשעלע
און באלד נאך איהם אויך לייבעניו
און וועלוועלע פאדטאקעוועט,
זיי לאכען אלע דריי –
איהר האט דאך אונז דא אלעמען
אויף טוידט דערשראקען, ליטוועקעל,
נעמט זעצט זיך צו אט דא.

געטליבע פון דיר צו הארען אויף וויטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, אז איך פערשטעה נישט, צו וואס בעדארף מען זיצען ביי „פראנקאניען" ביי מירמעל-שטיינערנע טישליך און פרעסען פון אין-דער-פריה ביז אויף-דער-נאכט רער רוח ווייסט וואס און אויסברענגען געלד? זאלסט אבער אין זינען האבען, אז דו האסט א ווייב ביז 120 יאהר, וואלסט דו אפגעזוכט נייטעגירע זאכען. מיר דאכט ס'איז אסך גלייכער א שטיקעל וועבעל אויף ציבליך, און א פאר בייעגע קאלדרעס, און אביסעל ווילבער אין שטוב אריין און עפים נאך. מאהל דיר אז בליומע-זלאטע בעדארף זיך שוין אקעגען מיר בלאזען, (אויפבלאזען זאל עס זי ווי א פאחיר), וואס איז? זי טראגט א האלז פעריל, זאל עס איהר מאכי נור פערשטעהרט הערען, ווי איך בין איהר מקנא. נו-נו, זי האט דאס א דאלי ביי איהר מאנן! ווייס איך, לייט האבען גליק צו אלסדינג; נאר איך איינע בין עפים אין אזא פינסטער, ווייסטער שעה געבאהרען געווארען, אז א מינדסטע זאך בעדארף איך איהם דערמאהנען... יא. מאך מיך קלאהר, וואס הייסט „פראנקאני?" ס'איז איין "ער" צי א „זי"?... פערבלייב געזונד און פיל גליקליך עם גריסען דיר אלע גאר הערצליך

פון מיר דיין ווייב שיינה-שיינדיל.

IX.

אדעס ז' תמוז תר.. לפ"ק.

לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדיל שתחי' ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום. לאז השם יתברך העלפען מע זאל הארכען איינם פונם אנדערען בשורות טובות. והשנית זיי וויסען אז עס שמעקט שוין מיט גראבע טויזנדער. אז גאט וועט העלפען און דאס „אולטימא" *) וועט אפלויפען גלאט, וועל איך מאכען א הויפטרעפער. איך וועל איינקאסירען מיינע אלע דיפערענצען און וועל זיך דורכ-פאהרען אהיים און וועל דיך אם ירצה השם ארויסנעמען אהער, קיין אדעס. א דירה וועלען מיר דינגען אויף דער „רישעליי" **), איינקויפען שיין מעבעל און וועלען לעבען לייטענגלייך. דערווייל בין איך זעהר בעשעפטיגט און קאן דיר קיין סך ניט שרייבען, דענן איך האב צו טהון מיט'ן מאגען: אפנים אט דאס מאראזשענע האט מיר פערשאדט?... אז איך קום צו „פאנקאנין" עס איך שוין ניט קיין מאראזשענע; וואס דענן? איך הייס מיר געבען אזא געטראנק, וואס מע טרונקט דאס דורך א שטרוי; ס'איז אי זיס אי ביטערליך, אזוי ווי א מין סאלץ מיט לאקריץ, און מע קאן דאס מעהר ניט פארדייען ווי 2, העכסטענס 3 גלאזער; מוז מען זיך די איבעריגע צייט ארומדרעהען אויף דער גאס און האבען צו טהון מיט'ן וואכטער, און דאס איז זעהר נישט איינגענעהם! ער קוקט שוין אויף מיר, דער וואכטער, פון א צייט, נאר, מיט חסד, גאט האט מיך ביז אהער אויסגעפיהרט, איך אנטלויף פון איהם אלע מאל און בעהאלט זיך אוים. וואס טהוט דענן ניט א יוד צוליב פרנסה? דער אויבער-שטער זאל העלפען, אז די „רעאליזאציע" זאל אפגעהן

*) סוף חודש.

**) א גאס אין אדעס.

דערצעהלט, וואס מאכט איהר, ברודעריל,
ווי קומט איהר גאר אין וואלד אריין,
פון וואנען תאהרט א יוד?

„טע-טע – מאכט יענער לאכענדיג –
א יוד איז קיין קאטאוועס ניט,
אט באלד דערצעהל איננאנצען איהם
אלסדינג און מיט אמאל.
איהר זאגט מיר בעסער, קינדערליך,
וואס שפארט איהר זיך, וואס קריגט איהר זיך,
וואס פילדערט איהר, וואס גראגערט איהר,
ס'איז פול מיט אייך דער וואלד.
א יוד זאל גאר אוועקווארפען
די שטאדט, דעם בית-המדרש,
געשעפט, דאס ווייב און קינדערליך
און פלוצים געהן אין וואלד.
דערצעהלט-זשע מיר, ערקלעהרט עס מיר,
וואס איז דא פאר א דילעניש,
א שפארעניש ביי אייך
פון בילדונג און פון וויסענשאפט,
פראגרעס ציוויליזאציע,
השכלה, חכמה, ליכטיגקייט
און פלוצים גאר אט דא?"

און יענער האט זיך צוגעזעצט
אויף דערערד און האט זיך צוגעגרייט
צו הארכען עפעס נייס.
און הערשעלע האט חאפענדיג
גערעדט מיט האנד, ווי ס'געהער צו זיין,
און באלד נאך איהם אויך לייבעניו

בשלום, וועל איך דיר אלסדינג איינקויפען בכפל כפלים. איך ווינש דיר געזונד און הצלחה און לאז גריסען איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך

ממני בעלך מנחם-מענדיל.

## X.

מאזעפעווקא צוועלף טאג אין תמוז תר.. לפ״ק

לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה״ר מנחם-מענדיל נ״י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנק אין בעסטען געזונד; געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הארען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, אז די קינדער מאזלען אלע דריי און איך שלאף נישט קיין נאכט, און ער טרונקט דארטען קובעבע מיט לאקריץ, וואס געהערט איהם אפ איך בעט אייך, קאפוועהטוג? און וואס דו שרייבסט מיר מכח אדעס, זאלסט דו זיך עס ארויסשלאגען פונם קאפ. מענדיל, איך וועל אהינצו ניט פאהרען, מעגסט מיר אנשיטען די שטוב מיט גאלד! מיין באבעס באבע איז דארטען קיין מאל ניט געוועזען און האט זיך בעגאנגען אהן דעם. וועל איך זיך מסתמא אויך אהן דעם בעגעהן. דו וועסט מיר ניט איינרעדען, אז איך זאל דיר אוועקווארפען מיין טאטע-מאמע מיט אלע ליבע פריינד און זיך אוועקלאזען אין דעם וויסטען אדעס, ברענען זאל עס דיר אויפן פייער! צי אפשר קאנסט דו מיך נייטען מיט געוואלד איך זאל פלוצים אראפווארפען דעם פארוק צו ליב דער פראנקאניין דיינער די כפרה זאל זי זיין פאר מיין מינדסטען נאגעל? פאלג מיך, א ווייב, פאהר א היים! אנטלויף ווי גאט איז

דיר ליב! האסט פערדינט עטליכע קערבליך, גענוג; ביז וואנעט איז דער שעור צו חאליען דארטען? נאר גאר ניט, משטיינסגעזאגט, איך האב דען עפיס אויך א ווערטה? איך בין דאך שיינה-שיינדיל, ניט בליומע-זלאטע; בליומע-זלאטע, אז זי טהוט נאר א פיפס דעם מאן איהרען, ווארפט דאס מיט איהם דאס נייניאהריגע קדחות! למען השם, מענדעל סערדצע, נעם זיך צענויף אין וועג אריין. פערגעס נאר נישט א מיץ געשטיקטע העמדער פון מיינעטוועגען. סאמעט אויף א מלבוש, פון דער מאמענסוועגען, לאז זי אויך געדענקען, ווען דער איידעם איהרער איז געוועזען אין אדעס; עפיס א רעכטען בראש מיט אויהרינגליך א פאר פון מיינעטוועגען טאקי, ציין א שטיקעל פון היינטיגע מוסטערען, און, אז עס וועט קריכען אין טשעטאדאן אריין, אביסעל גלאזוואר, מיט א טאץ א זילבערנע, און דאס איבעריגע דארטען ווי דו פערשטעהסט. דערווייל זיי געזונד און פיעל גליקליך; עס לאזען דיר גריסען אלע גאר הערצליך.

פון מיר דיין ווייב שיינה-שיינדיל ג׳.

## XI.

אדעס כ״ה תמוז תר... לפ״ק.

לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדיל שתחי׳.

ראשית באתי להודיעך אז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. לאז גאט העלפען צו הארען איינס פונם אנדערען בשורות טובות. והשנית זיי וויסען, אז דאס „אולטימא״ איז אנגעקומען און ס׳איז געווארען, אוי וועה! אין איבערקעהרעניש, היינו אז פונם גאנצען „בעס״ האט

---

און וועלוועל האט פארטאקעוועט —
אינאיינעם אלע דריי.

ס׳א מנהג, אזוי פיהרט זיך עס
ביי שרייבער שוין פון יאהרען לאנג,
מע זאל דעם העלד דעם הויפט-פארשוין
בעשרייבען ווי עס דארף צו זיין
נאך איידער עפעס וואס.
יא, בעריל איז א הויפט-פארשוין
ביי אונז, זיין ביאגראפיע
איז זעהער-זעהער קורץ.
„דאס מיידילשע מלמדיל״
„דאס שרייבעריל״, דאס „ליטווק עקיל
קיין אנדער נאמען האט ער ניט
געהאט ביי אונז אין שטאדט.

א קאפ אויף איהם איין אייזערנע,
איז קלאהר גאנץ ש״ס אויף אויסוועניג,
נישט פרעמד אין קליינע אותיות ליך
א חריף גאר אין חשבונען
תשבורת, געאמעטריע,
קאן רוסיש פון *Дозволено*
*цензурою*, אויך דייטשעריס —
א רעכטער שלאג-פרענית,
א ליטוואק און אסוף.
דאס קנעלונג האט ער אבגעלאזט,
דאס ווייבעל האט ער אפגעגט
(ווי קומט דאס צו-נ-א ליטוואק גאר!)
צעקריגט זיך און צעהרגט זיך
מיט איטליכען אין שטאדט;
א שפיי געטהאן אויף אלעמען,

זיך אויסגעלאזט א בוידעם; ביסמארק שמיסט מען האט זיך צוגעקיהלט און „לאנדאן" איז געווארען יקרות. מע זוכט דאס מיט ליכט, און איך בין שולדיג געוועזען אזוי פיעל, אז אלע מיינע „דעפאען" זענען אויסגערינען געווארען, און די „לאנדאנס". וואס איך האב ביי יענעם, גיט מען זיי מיר ניט, מחמת איך האב געשטעקט פער־שטעהסט דו אלץ ביי אזעלכע מענשליך, וואס מיט איין קרענטש זענען זיי דערשטיקט געווארען. הכלל עס איז א שרפה, א מגפה, גאר נישט צו דערקענען דאס פלאץ! אי, ווען איך קעהר זיך איבער מיט איין טאג פריהער? קומט א ביסמארק איז מיטען דרינען און פערקיהלט זיך נו גוה, זיי א נביא! און דא דער „וואכטער" לאזט נישט ארומדרעהען זיך אויף דער גאס; אלע לויפען ארום ווי די פערסמטע מייז; עפיס א מהומה, אויף איטליכען בעזונדער; אלע שרייען: „לאנדאן"! וואו איז מיין „לאנדאן"? געב מיר דאס „לאנדאן"! עס איז א גוואלד א געפילדער: „לאנדאן" „לאנדאן"! נאר ווער מיר לאנדאן? וואס מיר לאנדאן? עס פליהען פעטש, פייגען, אין טאטענס־טאטען... דער שפיץ — ס'איז א פנים גאר נישטא קיין „לאנדאן" אין ערגיץ ניט... הכלל, מיין ווייב, ס'איז אין דער ערד דאס געשעפט! איך האב מיך אפילו באכדעם יא איבערגעקעהרט אויפ'ן „האס". איז געקומען דער „בעס". וואס פרעגסט דו קשיות? אז דאס מזל הערט אויף צו שפילען, זאל מען זיך בעסער א לעבע־דיגער אין דער ערד אריינלעגען! אז וואס איך טהו, איז קאפויר; קויף איך — ווערד וואלוועל; פערקויף איך — ווערד טהייער; מאך איך א סטעלאזש — שטעהט אפ דער קורס; מאך איך ניט — וואַרפט דאס העכער הייזער. וואו נעמט מען געלט? מע גלויבט שוין נישט איינס דאס אנדערע אויפן ווארט, ווי פריהער; אז מע וויל עפיס „מאכען", הייסט מען זיך „געבען אויף דער האנד", הכלל עס האט מיך אין איין וואך אויסגעמיטשעט, אויפגעגעסען מיט די ביינער! עס האט זיך מיר אלץ געדאכט — אט, אט... איך האב אפגעגעבען דאס פערדינסט, מיט'ן קרן, מיטן ציהרונג וואס האב דיר איינ־געקויפט, אפילו די קאפאטע די שבתדיגע אויסגעטהון און פערקויפט — און דאס איז אלסדינג אריין אהין... און איך געפון זיך איצט אין אזא טרויעריגע לאגע, וואס איז אין לשער, און אהיים ביינק איך אזוי, אז ממש עס געהט מיר אוים דאס חיות! איך פערשעלט מיר דאס געביין הונדערט מאל א טאג, בעסער וואהלט איך זיך אויסגעבראכען א פוס איידער איך בין געקומען אהער אין דעם אדעס, וואו א מענש האט קיין שום „ווערדע" נישט; א מענש קאן דא געהענדיג שטארבען אין מיטען גאס און קיינער וועט זיך אפילו ניט אפשטעלען א קוק טהון. וויפיל מעקלערס האבען געלעבט ארום מיר, אפ־געלעקט א ביינדיל; וויפיל גוטע ברידער האבען גענאסט טובות דורך מיר, און היינט דערקענען זיי מיך שוין גאר ניט! פריהר האב איך דא געהאט א נאמען „דער מאזעפעווקער בלייבערדער" און היינט מאכען פון מיר חוזק טאקי די מעקלערס אליין. זיי זאגען: באשר איך פערשטעה נישט דאס געשעפט; „לאנדאן" זאגען זיי בעדארף מען פערשטעהן. וואו זענען זיי געוועזען פריהר, די חכמים?... מע רעדט שוין גאר קיינער

אוועקגעלאזט זיך וואנדרעווען,
וואוהין — עס ווייסט דא קיינער ניט —
שוין אנדערהאלבען יאהר.
איהר ווילט זיין פיזיאנאמיע,
איך זאל זי אייך דא אפמאהלען,
ס'איז גאר נישט אזוי שוועהר:
א נידעריגס, א לעבעדיגס,
מיט פייעריגע אייגעליך,
דאס פנימעל איין אויסגעדארטס
און געל אזוי ווי וואכס;
די נאז געטאקט גאר קונצעדיג,
א בולבעוואטע אונגערקע,
באזעצט מיט שווארצע פינטעליך;
טראגט ברילען, לאנגע האר,
א שיטער, צאפען בארדעלע,
איין אבגעטראגען רעקעלע,
איין אפגעפאהרען היטעלע —
האלב־קאפעליאש, האלב־יארמעלקע, —
א העמד א שווארץ אהן זאפאנקיס,
דאס האלזטיכעל קיין צפון־זייט —
אט האט איהר דעם פארשוין.
אצינד, ווי באלד מיר ווייסען שוין
און קענען אונזער הויפטפארשוין,
בעדארפען מיר זיך אומקעהרען
צוריק אהין אין פעלד אריין —
זיך צוקוקען, זיך צוהארען:
וואס שמיסען דארט די חברה־לייט?
וואו האלט דאס דארט ביי זיי?

(סוף פונ'ם ערשטען קאפיטעל).

ניט פון מיר, גלייך ווי איך וואלט געשטארבען. הלוואי וואלט איך געשטארבען! איך ווינש דיר געזונד און הצלחה און גרים איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך ובפרט די קינדער. אוי, די קינדער!...

ממני בעלך מנחם-מענדיל.

---

## XII.

מאזעפעווקא. איך זאל אזוי וויסען פון דיר ווי איך ווייס וואסער א טאג מיר האבען! תר. . לפ"ק.

לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנק אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע אויף ווייטער פון דיר צו הערען. צווייטענס שרייב איך דיר, א מיתה משונה זאל אויף דיר קומען — ביסט דאך געפאהרען קיין קעשעניעוו גאר צום פעטער וועלוועל-מנשה, היינט ווי אזוי ביזט דו דאס אויסגעוואקסען פלוצים אין אדעס? וועלכער רוח האט דיך אהין געטראגען? וואס האסט דו דארטען אנגעשמעקט אזעלכס אין אדעס? נאר געה רעד צו דער וואנד נעבראטענע פייגעליך האט זיך איהם פערגלוסט? „לאנדאן"? „מאראזשענעווע"? קעבעבע מיט לאקריץ? און איך זיץ אט דא אין דער קרענק, טוטשע זיך מיט די קינדער זיינע! קארג וואס מאזעפעווקא מאכט פון דיר אבער, בעדארף איך נאך, וועה איז מיר, אז אדעס זאל אויך האבען מיט דיר צו טהון!? דו שרייבסט אז מע האט דיר אנגעזעצט אינם „לאנדאן" אריין, פאר וואס זשע זעהסט דו ניט בעצייטענס אפצוועקען אויף פראצענטען, דו בהמה, ווי עס פיהרט זיך צווישען סוחרים? וואו איז מענשען? וואו איז א רב? אין גאטעס חילען וואס איז דאס פאר א תרוץ אולטימא — שמולטימא? האב דיר אכציג שווארצע יאהר, האסט געקויפט לאנדאן? וואו איז דאס „לאנדאן"? מילא קיין געלד איז ניטא, חאפט דיך דער רוח! אבער סחורה, „לאנדאן" בעדארף דאך זיין, „לאנדאן"!!! אוי, אזא-נ-אומגליק! דאס הארץ האט מיר אבער געזאגט, אז פונם אדעס, ברענען זאל עס, וועט קיין גוטס ניט ארויס! איך שרייב איהם: פאהר אוועק, מענדיל, טהו א שפיי אויף זיי מיט זייער „לאנדאן", עס זאל אויף דעם קומען א חלירע, רבונו של עולם! אנטלויף, זאג איך איהם, אנטלויף מענדיל, ס'איז ניט דיין שטאמם אט דאס „לאנדאן" מיט דעם אדעס. שרפהגען זאל דאס! — ניין, הערט ער מיך ניט, ווארום איך בין דאך שיינה-שיינדיל, אז אך און וועה איז מיר, ניט בלומע-זלאטע. אוי, די מאמע מיינע איז טאקי א חכמה, לאם איך אזוי לעבען. זי טענעט אבער מיט מיר כסדר, אז א מאנן טאר מען נישט נאכגעבען די שמד, אז מע בעדארף א מאנן האלטען אין די האנד אזוי אז ער זאל פיהלען, אז ער האט א ווייב. נאר געה, אז ס'איז ביי מיר אזא טבע צו אלדע רוחות, איך קאן ניט זיין אזוי גראב, ווי בלומע-זלאטע; איך קאן זיך נישט שעלטען, אריינלעגען אין דער ערד אריין אזוי ווי זי, איך קאן ניט! זאלסט האבען בלומע-זלאטען, ניט דערהארען זאלסט דו, פאר א ווייב, וואלסט דו שוין געוויכט וואס פאר א גאט מיר האבען! און וואס דו זאגסט מכח שטארבען, חכם איינער, ביזט דו א גרויסער נארר: א מענש נעמט זיך ניט אליין דאס לעבען, א מענש נעמט זיך ניט אליין דעם טוידט. און אז מע ווערט אן דאס געלד, בעדארף מען זיך שוין טאקע א מעשה אנטהון? דו נאר איינער, וואו שטעהט דאס דען אנגע-צייכענט, אז מנחם-מענדיל בעדארף האבען צעהן טויזענד קערבליך? און מיט די צעהנטויזינד איז מנחם מענדיל דען ניט דער אייגענער מנחם-מענדיל וואס אהן די צעהנטויזענד? שוטה דו ווילסט געהן קעגען גאט? זעהסט דאך, אז ער הייסט ניט, היינט וואס פילדערסט דו? א שיינע ריינע כפרה! לאז זיך דיר דאכטען, אז גזלנים האבען דיך בעפאלען אין מיטען וואלד, אדער ביזט קראנק געלעגען און חלילה פערקריינקט דאס געלד צו אלדע שווארצע יאהר! דער עיקר זאלסט ניט זיין קיין יורענע, מנחם-מענדיל! פערלאז דיך אויף דעם וואס לעבט אייביג, ער איז א זן ומפרנס... קום צופאהרען אהיים, וועסט דו זיין אי"ה א גאסט ביי די קינדער. איך שיק דיר אויף דער הוצאה עטליכע קערבליך, און זעה מנחם-מענדיל זאלסט נישט געהן שוין מעהר אהין. זאלסט פערגעסען גאר אז ס'איז דא א „לאנדאן", ברענען זאל דאס מיט דעם אדעס, איינגעזונקען זאל דאס ווערען מיט דיר אינ-איינעם און פאהר באלד אהיים! פערבלייב געזונד און פיל גליקליך עם גריסען דיר אלע גאר הערצליך

פון מיר, דיין ווייב שיינה שיינדיל.

Слова „Суламитъ“ **SCHLOUF, MEIN KIND!** Музыка Д. Кавуновскаго

(שלאף מיין קינד!*)

Op. II.

Andantino




*) נאכדעם, אז דאס ליד „שלאף מיין קינד“ איז שוין ארויס פון דרוק, האבען מיר זיך בעקאנט מיט דעם טאלאנטפאללען מוזיקאלשיללער, ה׳ דוד קאוואנאווסקי (דער מחבר פון די „נאטען לשירי ציון“), וועלכער האט אונז עקספראמם פערפאסט די דאזיגע עכט יודישע מעלאדיע.—

שלום עליכם.

**ШЛУФЪ МАЙНЪ КИНДЪ** т. е. **„СПИ, ДИТЯ!“**

*Изданіе Соломона Рабиновича.*


Дозволено цензурою. Одесса, 14 Іюля 1892 года.

Типо-Литографія А. Дыхно. Почтовая № 31. въ Одессѣ.

## שלאף, מיין קינד! *)

1.

שלאף, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שאנער,
שלאף, מיין זוהנעניו!
שלאף מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליו-ליו.

2.

ביי דיין וויגעל זיצט דיין מאמע,
זינגט א ליד און וויינט;
וועסט אמאל פערשטעהן מסתמא,
וואס זי האט געמיינט.

3.

אין „אמעריק" איז דער טאטע
דיינער, זוהנעניו!
ביזט א קינד נאך, שלאף לעת-עתה,
שלאף זשע, שלאף ליו-ליו.

4.

דאס „אמעריק" איז פאר יעדען,
זאגט מען, נאר א גליק,
און פאר יודען א גן-עדן,
עפים אין אנטיק.

5.

דארטען עסט מען אין דערוואכען
חלה, זוהנעניו!
יכליך וועל איך דיר דארט קאכען,
שלאף זשע, שלאף ליו-ליו.

6.

נאר דערוויילע לאמיר האפען,
אוי, וואס קאן מען טהון?
כ'וואלט שוין לאנג צו-נ-איהם געטראפען —
וויים איך ניט וואוהין.

7.

גאט וועט העלפען, וועט ער שיקען
בריוולך, זוהנעניו!
גאר אין גיכען אונז בעגליקען,
שלאף זשע, שלאף ליו-ליו.

8.

ער וועט שיקען צוואנציג דאללער,
זיין פארטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבען זאל ער,
אונז אהינצוצו.

9.

ער וועט אלץ פון אונזערטוועגען
שאפען, זוהנעניו,
און וועט פאהרען אונז אקעגען,
שלאף זשע, שלאף ליו-ליו.

10.

און וועט חאפען דיך צום קישען,
טאנצען אזש פאר פרייד;
איך וועל קוועלען, טרעהרען גיסען,
וויינען שטילערהייד.

11.

ביז עס קומט דאס גוטע קוויטעל
דארף מען, זוהנעניו,
שלאפען; ס'איז א טהייער מיטעל, —
ליולינקע ליו-ליו.

אדעס 20 מאי 1892 **שולמית.**

*) מיט דעם נגון פון לערמאנטאוום:
Спи, младенецъ мой прекрасный,
Баюшки баю . . .

## קאררעספאנדענציעס.

מאזאפעווקא.

די לבנה האט געשיינט מיט איהר גאנצען פראכט און גלאנץ. די שטערען האבען זי באגלייט אויף דעם בלויען לויטערען הימעלפלאטץ. די גאנצע נאטור האט געהאלטען אין איין דרימלען. אלס איז געווען פערטיפט און פערזינקען אין א טיפען זיסען שלאף. א שטילשווייגעניש האט געטאהן הערשען אויף דער ערד. פונם וואלד האט זיך געלאזט הערען דער זיסער סאלאוויי מיט זיינע צוקערדיגע טרעללען. עס איז געווען א צוויבערנאכט. די נאכט איז אוועק און נאך איהר איז געקומען דער טאג.

א לויטערער א ווארעמער, ווי געוועהנליך זומער-לעבען די זונן איז נאר-וואס ארויס פון איהר פיטערפאס, פלוצים זעה איך עס געהט דער בריפטרעגער און גיט מיר אפ א מודעה, אז אין גיכען וועט ערשיינען א נייס פון שלום עליכם'ן אונטער דעם נאמען „קול מבשר", דרים בעט איך אייך ווי א לאנגאנגענדיגער פריינד, אזוי ווי איך בין דאך אייער אבאנענט אויף דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק" שוין דאס דריטע יאהר, איהר זאלט אפדרוקען דעם דאזיגען מליצה-בריעף אין אייער „קול-מבשר" און ענטפערען מיר, אויב ס'איז נאך דא פלאץ אין אייער „פאלקס-ביבליאטהעק" פאר מיינעם א ראמאן אין דריי טהייל און פאר מיינע שירים, וואס איך שיק אייך דא, און וועלכע זענען בנאמנות ניט ערגער פון פרוגם.

מנאי משה מענדיל,
וואס פארנעמט זיך מיט האנדיל,
און אז עס זעהט נישט דאס ווייב
טהוט ער א שרייב,
ווארום פאר דער ליטעראטור
דער-געהט זי איהם די יאהר.

---

## טעטרעוויץ.

ליבע טהייערע רעדאקציע!

נייג אן דיין אויהער און פארנעם די רייד פון די טעטרעוויצער משכילים. א ווינט פון זייער בויך האט זיי צוגעקוועטשט און די געדערעם טהוען ביי זיי ברומען פונ'ם שאלקאפטגקייט וואס איז געטאהן געווארען צווישען יודען. ומעשה שהיה כך היה: פונ'ם ערשטען טאג אן, וואס האט אנגעהויבען ארויסצוגעהן אייער בוך „די יודישע פאלקס-ביבליאטהעק" זענען מיר — אייערע אבאנענטען. פלוצים דערהערען מיר פאר-א-יאהרען, אז עס גיט זיך ארויס אין איין אנדער שטאדט א בוך כמעט מיט דעם אייגענעם נאמען, וואס אייער בוך, האבען מיר אין דער-גיך אויסגעשריעבען דאס בוך; מיר טהוען א קוק אין בוך – ס'איז גאר ניט אייער בוך! מיר זיכען דעם נאמען שלום עליכם – נישטא!.. . פונקט אזא מעשה האט זיך געטראפען ביי אונז ניט לאנג מיט הייוען. איינער האט ביי אונז זיך אויסגעלערענט מאכען הייוען און האט זיי א נאמען געגעבען „בארדיטשעווער הייוען" און געהאט גאנץ פיין פרנסה. איז זיך מישב איין אנדערער: א טהייערע מציאה הייוען? מאכט ער אויך הייוען און גיט זיי א נאמען „עכט בארדיטשעווער הייוען". איז זיך מישב א דריטער און קלעהרט זיך, אז צוויי לעבען פון הייוען, פאר וואס זשע זאל איך נישט זיין קיין דריטער? מאכט ער אויך הייוען און גיט א נאמען: „באמת בארדיטשעווער הייוען". איז זיך מישב א פערטער און מאכט „עקסטרא באר-דיטשעווער הייוען". איז זיך מישב א פינפטער און מאכט „בארדיטשעוו-שבבארדיטשעווער-הייוען". איז זיך מישב א זעקסטער . . . הכלל

עס האט זיך אנגעהויבען מיט הייוען
פון הינטען און פון אויבען
יעדער איז א מבין
ווי א קאץ אויף הייוען
ביז מע האט אויפגעהערט צו קויפען
די בארדיטשעווער הייוען
ס'איז נישט מעגליך בשום אופן
פון די הייוען צו אנטלויפען . . .

עס זענען פערבליבען ביי אונז נאך א פאר ווערטער צום גראם: „זייפען" און „רייפען", וואס טהוט מען מיט זיי? אויף גראמען איז ביי אונז פאראן מזיקים. נאך גרעסערע פון פרוגען. ביי אונז איז דא איינער אזעלכער, וואס אז ער רעדט, רעדט ער נור מיט גראמען, און עס גיסט זיך ביי איהם ווי פון א פאס: חאפען, קלאפען, טאפען, לאפען, ווייסען, רייסען, בייסען, שמייסען... עס איז א שרעק מיט איהם אנצוהויבען! אפשר דארפט איהר איהם האבען, קאנען מיר איהם אייך צו שיקען *). ער וועט אייך פערפלייצען מיט גראמען!

אייערע אבאנענטען
און קארעספאנדענטען
וואס האבען ליב אהן איין עק
אייער „פאלקס-ביבליאטהעק"

---

## מאקארעווקא.

פונקט אין דערמיט, צווישען מאזעפעווקא און טעטרעוויץ, נישט ווייט פון יאמפעלע און סטרישטש ליגט די שטאדט מאקארעווקא. די היגע איינוואהנער זענען כמעט אלע גרויסע מיוחסים, נאר בטבע גרויסע קבצנים. זייער פרנסה איז איינס פונ'ם אנדערען. א יוד גאך איידער ער עפענט דא א קלייטיל, עפענט מען איהם באלד אקעגען צוויי. קרעדיט איז געשלאגען. מסחר ליגט אין דער ערד. ברוידט איז אוים געשעפט. בעלי מלאכות געהען ארום אהן ארבייט. דער גאנצער ארויסקוק איז אויף איהם, אויף דעם באראן. מיר האבען געהארכט און געפריידט זיך, וואס עס האבען זיך געפונען גוטע עהרליכע מענשען, וועלכע האבען ארויסגעלאזט אויף

*) ניין, ניין, מיר בעטען אייך, ווי גאט איז אייך ליב, לאזט אייער גראם-זאגער זיצען דארט!

די רעדאקציע.

דער וועלט צו פערקויפען דאס בילד פונ׳ם באראן. געליבט איז גאט, וואס צו יעדער שלעכטער צייט געפינען זיך ערליכע לייט, וואס זענען זיך מפקיר לטובה פונם יודישען פאלק. פריהער האט מען פערקויפט מאנטעפיורין, היינט פערקויפט מען דעם באראן. גאט מעג זיי בעצאהלען, די דאזיגע, וואס טהוען גוטס מיט אונז... איך שיק אייך דא א ראמאן פערפאסט פון מיר און בעט למעה״ש אפדרוקען איהם אינם דריטען בוך „יודישע פאלקס-ביבליאטהעק״ אונטער מיין פער-דייעלטען נאמען (פסעודאנים)

תרח׳ס איין אייניקעל, יוסף׳ס א ברודער, יעקב׳ס א זוהן.

---

### יאמפעלע.

וואס זאגט איהר אויף דעם אומגליק! ביי אונז איז דא איין ארעמער בעל-מלאכה אברהם-הערש דער שניידער, א יודע ספר, וואס האט ליב געהאט צו פרייהער צייט אריינקוקען אין די זשארגאנישע ביכליך. אין פערלויף פון אנדערהאלבען יאהר האט ער איבערגעלייענט אלע העכסט-אינטערעסאנטע-ראמאנען פון שמ״ר, נישט דורכגעלאזט איינעם אפילו. עפיס איין מאל אין א שיינעם פריהמארגען רופט ער זיך אן צום ווייב:

— הארך אויס „מיין נשמה פון מיין ענגעל!״ אזוי ווי איך בין איצטערטא א גראף און קום אן פון פאריזש מיט א פערמעגען פון עטליכע הונדערט מיליאן, וואס מיין לאנדאנער אנקעל האט מיר איבערגעלאזט בירושה, וויל איך אלזא אפקויפען דאס גאנצע שטאדטעל מיט די מיהלען, מיטן מרחץ מיט אלץ מיט איינאנדער. און אז איך וועל אפזוכען מיינע פערפאלענע פלעמעניקעס אין נויען, וואס זענען מסתמא אויך גענוג רייך, וועל איך זיך נעמען צו די יאמפעלער באנדיטען, אט די שקאנטיסטען, די מערדער, זיי זאלען וויסען ווי אזוי צו רייסען פריצענט ביי די ארעמע לייט נעביך און טאסקען מתים פון די קברים...

— שמע ישראל! — האט די ארעמע פרוי אויס-געשריגען — אברהם-הערש, גאט איז מיט דיר! וואס בלעפעטשעסט דו?

הקיצור, מען האט איהם אפגעפיהרט צום דאקטאר און פון דארטען צום טאטער — ס׳איז נישט פרייהליך: ער איז געריהרט פונם זינן!... אט וואס אייערע העכסט-אינטערעסאנטע-ראמאנען האבען אנגעמאכט!! איך בעט אייך, הערר רעדאקטאר, אפדרוקען מיין קארעספאנדענציע און מיר מודיע זיין אויב עס איז נאך דא פלאטץ פאר מיינע עטליכע לידער אין אייער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק״?

א יאמפעלער.

---

### סטרישטש.

ביי אונז האט זיך פערלאפען א זאמעטשאטעלנער סלוטשאי. נאפרימער א יונג מיידעל פון א יאהר 18 האט זיך געריעשעט אויף סאמא-אוביסטווא איבער ליובאוו צו אייער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק״. זי איז געוועזן א וואזשנע ליוביטעלניצע פון אייער איזדאניע; זיא האט געמיינט, אז איהר וועט שוין מעהר ניט פראדאלזשאיען. האט זי זיך שטארק פערבעונגט און איינגענומען יאד. איהר לעבען איז אין גרויס אפאסנאסט!... ה׳ רעדאקטאר! איך בעט נאפעטשאטאיען מיין קארעספאנדענציע און אז זי וועט ארויס בלאהאפאלוטשנע וועל איך אייך אוגאשטשאיען מיט מיינע ראזסקאזען, סטיהאטווארעניעס אי טאק דאליע...

גבריאל מאטוועיעוויטש.

---

### נאך אמאל סטרישטש.

דאס וואס ג-ל מ-טש איהנען געשריבען האט איזט ניכט זא ריכטיג. דאס מעדכען וואר קיין מעדכען פון 18 יאהר, זאנדערען איין קנאבע פון 7 יאהר, אונד געשטארבען איזט ער ניכט אויס ליעבע, זאנדערען אויס ווינטפאקקען. אלזא מעלדען זי דאס אין איהרען ווערטהעסטען בוך, דאמיט די ווארהייט שטאטפינדען זאלל.

לייבצי דייטש.

---

### ווידער אמאל סטרישטש.

לא דבים ולא יער! ס׳איז שקר וכזב! עס האט דא קיינער נישט שבק חיים לכל חי געוועזן. אלע זענען ברוך השם בקו הבריאה. עס איז כדאי מכחיש צו זיין די פאלשע ידיעה בכדי מפרסם את החנפים צו זיין. אזא חוצפא בעווייזט נאר אויף ביאת גואל צדק במהרה בימינו. אמן.

איש אמת.

---

### און אבער אמאל סטרישטש.

חא-חא-חא! מע דארף זיך קאטשען פאר געלעכטער! דאס האב איך אליין טאקי אלע דריי קארעספאנדענציעס אנגעשריבען אלע מאל מיט איין אנדער לשון. אזוי ווי

מע פלעגט שרייבען די לעצטע יאהרען אינ'ם „יודישען פאלקס-בלאטט", אונ איין אנדער נאמען געהתמעט, בכדי צו בעווייזען, אז האטש א רעדאקציע איז דאך שוין געווים א חכמה, קומט א סטרישטשער בחור'ל אונ פיהרט זי אזוי מיאוס ביי דער נאז!

פאר-א-יאהריגער שנייא.

---

פון דער רעדאקציע: זייט זיכער, אז אייער שטעדטעל וועט שוין נישט זעהען מעהר איהר שיינעם נאמען סטרישטש אפגעדרוקט ביי אונז, עס מעג אפילו פערברענט ווערען היינטיגען טאג!

---

# קריטיק.

י. ל. פרץ. „פאעזיע" (?) ווארשא תרנ"ב.

## א פירוש אויף פאעזיע.

א פירוש אויף שיר-השירים, א נייער פירוש אויף דער הגדה, גאר א שפוגעלנייער פירוש אויף חד גדיא – דאס איז א גאנץ געוועהנליכע זאך ביי יודען; נאר א פירוש אויף פאעזיע, אויף לידער – דאס איז שוין ביי אונז אויך א נייס. נאר וואס זאל מען טהון, אז די „פאעזיע" פון י. ל. פרץ *), וואס ליגט אצינד פאר אונזערע אויגען, בעט זיך נעביך, שרייט גוואלד, דרשה מיך! למשל, ווער ווייסט דאס ניט, אז א הקדמה צו א ספר בעדארף זיין ארויסגעשריבען דייטליך, מע זאל פערשטעהן, וואס וויל דער מחבר האבען? שטעלט אייך אבער פאר, אז די הקדמה צו פרצ'ס „פאעזיע" בעדארף אויך האבען א פירוש, מע זאל זי קאנען פער-שטעהן. זעהט, ארדבה:

„פארווארט צו כסא שלמה".

לויט דער בעקאנטער לעגענדע אין תרגום שני אונ מדרשים ואגדות, האט אשמדאי, וועלכען שלמה האט געצווינגען ארויס-צוגעבען דען שמיר (אווארם, וואס שניידט שטיינער) שלמה'ן אנגעשלונגען, ארויסגעשפיגען וויט אויף דער פראווינץ, אונ האט זיך אויף כסא מלוכה געזעצט. דיא איינצעלהייטען געפונען זיך אין געדיכט.

דאכט זיך קורצע ווערטער? נאר זאגט בנאמנות, אויב דער פשוטער לעזער, פאר וועלכען דאס ביכעלע איז געמאכט, וועט פערשטעהן, ווער האט וועמען איינ-געשלונגען אונ ווער האט וועמען ארויסגעשפיגען? צי דער ווארם דעם אשמדאי, צי שלמה דעם ווארם? אונ וואס איז דאס פאר א פראווינץ? אונ ווער זענען די „איינצעלהייטען"? נאר לאמיר בעסער געהן גלייך צו דער „פאעזיע" אליין:

וואס רוישט מיר אין מח,
וואס זעצט וויא א מיהל?
שלמה המלך'ס
די (דער) גאלדענע שטוהל.

עס לאזט מיך די (דער) שטוהל
די גאלדענע פראכט
נישט רוהען בייטאג
נישט שלאפען ביינאכט.

עס מאכען מיך טויב
די גאלדענע בערען,
עס מאכען מיך בלינד
בריליאנטען ווי שטערען.

עס רוישען די שפארבער,
עס ווארקען די טויבען,
עס בלענדט אלאבאסטער
אונ פעריל ווי טרויבען.

פייגעל גינגאלדענע
בלישטשען אונ פראנגען,
עס סאפען אופירענע
עקדיסען שלאנגען.

עס רוישען די אדלערס
מיט גאלדענע פליגעל,
עס בלאנקט די מנורה
א גאלדענער שפיגעל...

אונ אקסען אונ שטירען
בלעקקען אונ וועקקען,
עס קאפיעט דער בוימעל
פון גאלדענעם בעקקען.

פון אויבענ-אויף קומט דאס אויס אפילו א ביסעלע טונקעל, ווייטליך פונם פערשטאנד. עפיס ווי א מין שפרוך פון א מכשף, אדער א סגולה צו צאהנוועהטוג, רחמנא ליצלן. נאר אז מע קוקט זיך גוט איין אין די ווערטער אונ מע הויבט זיך אן רעכט צו דערגרונטעווען צום פשט, זעהט מען ערשט ארויס, וואס דא שטעקט. היינו: די „גאלדענע בערען" דאס זענען מסתמא די כנסת-ישראל; די „שפארבער" דאס איז דאך געוויס בלעם'ס מויל-אייזעל. ווער פערשטעהט דאס ניט? „אלאבאסטער" דאס זענען געוועהנליך די צדיקים אין גן-עדן, די „מנורה" איז א מנורה, אונ די „שטירען וואס בלעקקען" ווייסט א קליין קינד אויך, אז דאס זענען די אנטיסעמיטען. היינט פערשטעהט איהר שוין, ווי נייטיג עס איז אויף יעדער זאך א פירוש? נאר לאמיר געהן ווייטער:

אויך וועקקען אויף אין מיר
א זעלטען געפיהל

---

*) דאס ביכעלע „פאעזיע" איז געדרוקט אויף גוט פאפיר, ראכטפאלע אויסגאבע!

די פרויען געשטאלטען
פון איבער דער (דעם) שטוהל

דריי וואונדערבארע
פרויען גשטאלטען.
אין צאפ אינם גראהעם
אין קאפ אינם אלטען

דערקען איך דאמונה
אין פירען געבויגען
פייכטליכע גרינע
פערגלעזערטע אויגען

פערגלייסטע צום הימעל!
פולל תפלות כונות —
נור הארט איז דיא שטימע
סקלינגט אהן רחמנות

פון ברוינדארע ליפען
נור חרם נור אסר,
און ווי די פאקשיווע
שטעכעדיג מוסר.

שַׁאט, וָואס הֵייסְט „פָּאקְשִׁיוֶוע"? סְטַייטְש פָּאקְשִׁיוֶוע וַוייסְט אִיהְר נִיט? פָּאקְשִׁיוֶוע אִיז... אִיז... אִיז... פָּאקְשִׁיוֶוע! מִיר גֵעהֶען וַוייטֶער:

פיין איז דער (דאס) ראזענאייל,
פיזעם איז נאבעל
נור דער גיהנם
איז ערגער ווי קנאבעל...

אַ מָשָׁל, שְׁטְרַאם גְרַאם מַאךְ מִיר אַ לֶעטְנִיק! פִּיזֶעם אִיז נָאבֶעל און גֵיהִנֹם עֶרְגֶער וִוי קְנָאבֶעל? פַאר וָואס נִיט וִוי צִיבֶּעלֶע? צִיבֶּעלֶע קָאן מֶען דֶענְן נִיט רַייבֶּען אויף בְּרוֹיְדט, אַזוי וִוי קְנָאבֶּעל? און וואו שְׁטֵעהט דָאס גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז קְנָאבֶּעל אִיז אַזוי שְׁלֶעכְט? פִּיזֶעם אִיז זִיךְ פִּיזֶעם און קְנָאבֶּעל אִיז קְנָאבֶּעל. פֶּרֶץ אִיז פֶּרֶץ און „פָּאעֶזִיֶע" אִיז נִיט קַיין פִּיפֶּערְנָאמֶער. „פָּאעֶזִיֶע" בֶּעדַארְף הָאבֶּען קוֹדֶם אַ גֶעדַאנְק, און דֶער גֶעדַאנְק בֶּעדַארְף זַיין אַרויסְגֶערֶעדְט אַזוי, אַז מֶע זָאל פֶּערְשְׁטֵעהְן, עֶס זָאל זַיין בַּיי וָואס אָנְצוּנֶעמֶען, וּבִפְרַט אַז מֶע שְׁרַייבְּט פַארן פָּאלְק אִין זְשַׁארְגָאן, בֶּעדַארְף מֶען עֶרְשְׁט זֶעהֶען עֶס זָאל עֶפִּיס זַיין גֶעזָאגְט, נִישְׁט גְלַאט אַ מִישְׁמַאשׁ פון מְשׁוּנָה וַוילְדֶע הויכֶע וֶוערְטֶער, לָאקְשׁ, בּויְדֶעם, צִיבֶּעלֶע, פִּיזֶעם, קְנָאבֶּעל, קוּבֶּעבֶּע מִיט לַאקְרִיץ, וִוי לְמָשָׁל דָאס צְווייטֶע לִיד „דֶעם לֵייבְּס זְ'וַיָה", וָואס אִיז אויךְ פֶּערְשְׁטֶעלְט, פוּלְל סוֹדוֹת:

דיא וואלד אידעע דיא טראגט דער לייב
ערהאבען שטאלץ און איידעל
ער פרעדיגט זיא מיט לייבען קול
און בראניעט מיטן ווייבעל...

מֵילָא וַוייטֶער אִיז אַ גֶעוֵויין, אַ יָאמֶער, אַ קְלָאג צְווִישֶׁען דִי חַיוֹת, עֶס פְלִיהְט אַ „בַּת קוֹל", עֶס פְלִיהֶען „תְּרוּעוֹת" און „שְׁבָרִים", וַאמְד און סְטֶעפִּים קְלָאגֶען. „בְּרָאזֶעס" זִיפְצֶען, דֶעמְבֶּעס קְרֶעכְצֶען, עֶס אִיז:

א געפלאצערייי אויף קיימען,
סווערען טעפ צעפלויגען
ז'ווילען אלע גע'ן דעם צדיק
שארבאנעס צו דאויגען...
ראפטים טס! — פערשטימט דער וואלד...

וָואס זָאגְט אִיהְר אויף דֶעם אויסְשְׁפְּרֶעךְ „רַאפְּטִים טְס!" — וִוי שֵׁאן עֶס קְלִינְגְט! וִוי חֵנֶ'עוְודִיג עֶס זֶעהְט אויס אויפְ'ן פַּאפִּיר! הַיינְט דִי „פָּאעֶזִיֶע" אַלֵיין וִוי טִיף ... אִיז, מוֹרָאדִיג טִיף און פוּל מִיט פְּחָדִים, סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת ... אַזוי אַז אִין אַ שְׁטוּב אָהְן מְזוּזוֹת און נָאךְ אַקֶעגֶען נַאכְט ... דֶערְצוּ אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִי צוּ לֵייעֶנֶען. הֶערְט אַ לִיד, וָואס הֵייסְט „אַיין אִיבֶּערְקֶערְנִישׁ", עֶס הויבְּט זִיךְ אָן אַזוי:

און די לופט איז פולל מיט זיפצען
פולל מיט ברענענדיגע טרעהרען;
מיטן לעצטען גוססאטהעם,
פולל הרמות און פערשוועהרען,
פולל מיט אסכרה און מאזלען,
פולל מיט טיפוסען פאר הונגער...

קוּקְט זִיךְ אַקָארְשְׁט אַרוּם, זַייט מוֹחֵל, בַּיי ... צִיצוֹת! אִיהְר הֶערְט וֶוערְטֶער? שְׁפֶּעטֶער טַאנְצֶען „רוֹיטֶע ... מִיצֶעלִיךְ", עֶס שְׁפְּרוּנְגֶען „לֵיצִים", עֶס קְלִינְגֶען „גְלֶעקְלִיךְ ...

שכור טאנצען אלע בלומען,
וועלדער טייבען קאנקאנירען...
דיא לבנה ווינקט מיט דאויגען,
אללע שטערען קאקעטירען...

אִיהְר הֶערְט? דִי לְבָנָה וִוינְקְט שׁוֹין מִיט ... דִיא אויגֶען — גְוַואלְד! גְוַואלְד!! שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!!!...

# קְרִיטִיקוּס דֶער צְווייטֶער

## ווִיסֶענְשַׁאפְט.

### וִוי אַזוי הָאט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ אויס-גֶעלֶערְנְט מַאכֶען פון פַּאפִּיר—שְׁמַאטֶעס?

אַז גָאט הָאט בֶּעשַׁאפֶען דִי וֶועלְט, דִי זוּן, ד... לְבָנָה, דִי שְׁטֶערֶען מִיט דִי גַלְגַלִים פון אויבֶען, און אוי... דִי עֶרְד, חַיוֹת, בְּהֵמוֹת און עוֹפוֹת, שְׁלַאנְגֶען א... עֶקְדִישֶׁען, שְׁקָצִים און רְמָשִׂים פון הִינְטֶען, הָאט עֶ... גֶעזָאגְט צוּם אויסְדֶערְוֶועהְלְטֶען פון זַיינֶע בֶּעשֶׁעפֶענִישֶׁען... צוּם מֶענְשֶׁען: עֶר זָאל אָנְפוּלֶען דִי עֶרְד, זִי בֶּעצְוִוינְגֶען און אוי... אַלֶעם טְהוּן גֶעוֶועלְטִיגֶען. פון דֶעמֶעלְט אָן קָאן זִיךְ דֶעם מֶע... שֶׁעגֶם פֶערְשְׁטַאנְד גָאר נִישְׁט בֶּערוּהִיגֶען; עֶר גֵעהְט תָּמִי... פָאְרוֶוערְטְס, עֶר טְהוּט אויף אַלֶע מָאהְל נַייס, דֶערְקְלֶעהְ... וָואס וַוייטֶער אַלְץ גְרֶעסֶערֶע שִׂכְלִיוֹת. עֶר, דֶער מֶענְ...

מיט זיין שכל, וואס גאט האט איהם אריינגעגעבען, דערגעהט אזוי ווייט, אז מע קאן זאגען מיט די ווערטער פון דוד המלך: ותחסרהו מעט מאלהים, דאס טייטש: דו האסט איהם עטוואס געמינערט פון א מלאך פון גאט... לאמיר נעמען למשל די קונסט פונ׳ם שרייבען. ווי לאנג איז דער מענש געווען געגליכען צו א טהיר, א בהמה א ווילדע זאך, וואס האט נאך גאר נישט פערשטאנען, אז ער קאן זיינע געדאנקען אויסקריצען מיט פערשידענע צייכענס אויף האלץ אדער אויף שטיין? ווי לאנג האט מען דערקלעהרט אז מע קאן די זעלבע געדאנקען אנשרייבען מיט פערשידענע אותיות אויף פארמעט? ווי לאנג איז מען דערגאנגען דעם שכל, אז מע קאן פון אלטע צעריסענע שמוציגע שמאטעס מאכען אזא מין מאטעריאל, וואס הייסט פאפיר? קומט צוגעהן דער קלוגער מענש און זאגט: ניין, ס׳איז מיר קארג; איך וויל, פערקעהרט, מאכען צוריק פון פאפיר — שמאטעס! נאטירליך, מען איז געפאלען אויף דער המצאה נישט „ראפטים״, נישט אין איין מאל, נאר ביסליכווייז, בהדרגה. דאס צו בעווייזען אין אונזער פאלקס־ליטעראטור, מוזען מיר דאס געבען צו פערשטעהן אביסעלע היסטאריש.

מיט א יאהר דרייסיג צוריק, אז עס האט זיך נאר וואס אנגעהויבען אויסצובילדען ביי אונז א ליטעראטור פאר׳ן פאלק אין ז׳שארגאן, זענען ארויסגעטראטען א צוויי־דריי אמת׳ע יודישע טאלאנטפאללע שרייבער און דער פשוטער עולם האט זיך מחיה געווען. ממש געלעקט די פינגער. שפעטער האבען זיך געפונען בעלנים, וואס האבען זיך געפרווט צו שרייבען אויך אויף דעם ארט, ווי יענע שרייבער, דרוקען ביכליך, לידליך און מעשיות. מילא איז דאס נישט אזא גוואלד, אז מע וויל שרייבען ווי יענער שרייבט. דער אומגליק איז אבער דאס, וואס דער חשק אליין איז נאך פון די קליינע זאכען; שרייבען בעדארף מען קאנען, צו זיין א שרייבער בעדארף מען האבען גאר א בעזונדערע מתנה פון זיין ליבען נאמען — א טאלאנט. נאר אויך די אייגענע מעשה; שרייבען יודיש איז דענן אויך אזאך? צום ז׳שארגאן גאר א טאלאנט? וועלכער יוד קאן ניט שרייבען ז׳שארגאן? א טהייערע מציאה מאכען א יודישע מעשה? האבען זיך חברה גענומען און מע האט אנגעהויבען מאכען מעשיות. אבער טאקי וואס מעשיות הייסט, לכתחלה בבא מעשיות, מעשיות פון א בן־מלך מיט א בת־מלכה, פון א רב מיט א רביצין, און וואס ווייטער אלץ שאנערע מעשיות, „אינטערעסאנטע״ און „העכט־אינטערעסאנטע״ נאך דער לעצטער מאדע, כמעט ווי אין פאריז. צי זענען די מעשיות געווען גוט צי שלעכט; צי איז דער עולם געווען פון זיי צופרידען צי ניין — א שאנע ריינע כפרה, אבי עס זענען געווען צופרידען די מחברים און איבערהויפט די מוכרי ספרימניקעס. די מוכרי ספרימניקעס האבען זיך מיישב געווען אזוי: מעשיות זוכט דער עולם, לייענען גלוסט זיך איהם; נאר וואס דענן? בעדארפען זיי צאהלען א רעכטען שרייבער, ווי למשל אבראמאוויטש, פאר א רעכטער מעשה מיט גאנצע הונדערטער, אז מע קאן זי קריגען, די סחורה, אסך וועלוועלער? אי ס׳איז ניט יענע מעשה? מילא נו. א דאגה; דעם עולם׳ס מאגען איז ניט קליין צו פערדייען אביסעל שטרוי געהאקטע, מיסט מיט קלייען מיט עפיס נאך — אבי דאס מויל איהם צו פערשטיפען; מע טאר קיין יודען נישט באלעווען, פעסטען איהם מיט לאקעטקעס. ער זאל זיך ניט איבערנעהמען. און אזוי האט זיך דאס אנגעהויבען איין עסק מיט מעשיות. וואו ערגעץ א בעהעלפער, וואו ערגעץ א באדיונג האט זיך גענומען שרייבען מעשיות פאר׳ן פאלק; אונזערע בוכהאנדלער האבען זיי אפגעקויפט, אפגעדרוקט און געלאזט געהן צווישען יודישע קינדער.

און יודישע קינדער, עפיס נישט אזעלכע גרויסע איבערקלייבער פון דער נאטור, האבען זיך צוגעכאפט צו די מעשיות, ווי צו עפיס רעכטס, אנגעשטאפט די קישקע און געוואהנט געווארען צום מאכל, אנגענומען דאס פאר ליב, ווי געוועהנליך. און די מוכרספרים׳ניקעס האבען דערזעהען, אז ס׳איז, נישקשה, נישט קיין שלעכט געשעפט, מע קאן דערפון מאכען א קערבעל — שנייט מעשיות אויף וואס די וועלט שטעהט! יאסיל האט געמאכט א מעשה — געב אהער! געציל האט אויך געמאכט א מעשה — געב אהער! חייקעל אויך—געב אהער! פייטעל, וואס ווערט איהר עפיס זאגען גוטס? — איך האב א מעשה. — וואס ווילט איהר פאר אייער מעשה? — א צעהנעריל, אזוי ווי איהר צאהלט חייקלען. — אזוי גאר? ביי אייך איז א פנים געלד שמעלט? א דרייערל אויב איהר ווילט קאן איך אייך געבען; אי דאס איהר זאלט זיך מטריח זיין אנשרייבען אז איהר האט מיר פערקויפט דעם זכות פון אייער מעשה לצמיתות, דאס הייסט אויף אייביג; אי דאס איך זאל אייך דאס געלד צאהלען העט־העט שפעטער, דעמאלט, ווען איהר ווערט שוין גוט בעדארפען; אי דאס קיינער זאל ניט וויסען. ווארום איך צאהל אייך בנאמנות א פרייז...—חייקיל דערהארט אזא נייס, קומט ער צעפליהען, ווי איין אפגעבריהטער: הא? וואס? פייטיל מאכט אייך פאר א דרייערל? איך וועל אייך מאכען פאר אנדערהאלבען

קערבליך צוויי מעשיות א וואך, אלע טאג איין אנדער מעשה! — טא, קלערט זיך דער מוכר ספרים׳ניק, אויך מיר א ראגה; לאזען זיך די מחברים רייסען ווי די קאץ, וואס גערט דאס מיך אן? איך בעדארף האבען וואס ביליגער — אונ וויטער שלאגט איך אלע קאפ אין וואנט!..

אונ אזוי טהוט זיך עס ביי אונז מיט מעשיות, מיט ראמאנען, איינער שאנער פונ׳ם אנדערען. דער שרייבער שרייבט, דער מוכר-ספרים׳ניק קויפט אפ, דער בחור-הזעצער זעצט, דער דרוקער דרוקט, די מאשין דרעהט, דער איינבינדער קלעבט, פונ׳ם פאפיר ווערד שמאטעס, די שמאטעס ווערען צעגאנגען, דער עולם קייעט אונ קייעט ביז די שמאטעס ווערען צוריק פערקויפט אונ איבערגעמאכט אויף פאפיר, דאס פאפיר קומט אריין צוריק אין דרוק אריין אונ עס ווערד פון דעם ברוך השם ווידער שמאטעס, אונ אזוי ווייטער...

אונ מיר, פשוטער עולם, שטעהען פון ווייטען אונ וואונדערען זיך אויף די נפלאות הבורא, בעטראכטען גאטס וועלט ווי שאן זי איז, דעם מענשען ווי קלוג, ווי געשייט ער איז — גדולים מעשי ה׳! גרויס, גרויס זענען די ווערק פון גאט ברוך הוא!

**ד״ר סאלאמאניס ראבינוס.**

---

## נעקראלאג.

### דאס יודישע „פאלקס-בלאטט" איז געשטארבען!

דאנערשטאג כ׳ תשרי תרמ״ב דען 1/13 אקטאבער 1891 איז געבאהרען געווארען ביי ה׳ אלכסנדר צעדערבוים אין פעטערסבורג א קינד, וועלכס ער האט א נאמען געגעבען „יידישעס פאלקס-בלאט". דאס קינד איז געוואקסען גאנץ געווערנליך, מע האט דאס אויסגעצויגען, ווי עס געהער צו זיין, ערצויגען, אפגעגעבען אין א חדר אריין אונ אבטונג געגעבען עס זאל האבען א פנים פון לייטען. אונ דאס קינד האט טאקי זעהר שאן אויסגעזעהען; מבינים האבען געזאגט, אז מיט דער צייט וועט פון דעם ווערען א לייט. צוזאמען מיט דעם קינד זענען אויפגעוואקסען זיינע חברים, וואס האבען איניינעם מיט דעם געלערנט אונ געשפילט זיך. דער ערשטער חבר איז געווען מאטיל ספעקטאר אונ דער אנדערער חבר שלום עליכם. וועלכע זענען אויסגעוואקסען, חתונה געהאט אונ האבען שוין היינט ב״ה אליין קינדער, זאלען מאריך ימים זיין. מיט די דאזיגע צוויי חברים האט זיך דאס „פאלקסבלאט" געפיהלט אזוי היימיש אונ פריינדליך, אז ס׳איז גאר אונמעגליך געווען זיי זאלען זיך קאנען אמאל שיידען. נאר אז גאט וויל נישט, העלפען קיין חכמות ניט. עס איז באשערט געווען איין אומגליק, אז ה׳ צעדערבוים זאל זיך צונויפקאמפאניען מיט א דרוקער עפיס א ליטוואק, א שלים-מזל, א וואהלער יונגאטש, א דורכגעטריבענער צו-נו-אלדע רוחות. דעם ליטוואק איז דאס קינד געפעלען, האט ער זיך אזוי לאנג געדרעהט ביז דאס קינד איז אריינגעפאלען צו איהם אין די האנד אריין, אונ ער האט דאס גענומען צו ערציהען אויף א נייעם שניט גאר, אנגעהויבען צו ברעכען דעם קינד דאס לשון אונ שפיגעהען דאס מיט אזעלכע מאכלים, וואס דעם קינדס מאגען האט נישט געקאנט פערדייען; עס האט דעם אנגעהויבען צו גרימען אין בייכעל, עס האט בקומען, נישט פאר קיין קינד געדאכט דאס „דאר". איינער פון די חברים האט זיך אנגענומען דעם קינדס קריוודע, איז דער ליטוואק (פערהאפט זאל ער ווערען!) אריין אין אמביציע, געמאכט יענעם מיט דער בלאטע גלייך, אונ זיך גע זידעלט ווי איין עכטער בעל-עגלה, געשאלטען איטליכען בעזונדער, ווי מע שעלט זיך אין פישמארק, אונ געזאגט אז ער הארכט אלעמען ווי דעם קאטער; „וואס הערסט דו זיי?" — האט ער געטענעט צום קינד — „דו רעד אזוי ווי איך הייס דיר. אויף יודישען זאלסט דו זאגען „יהודית׳שען", אויף זעהען — „בליקקקקען", אויף קלעפ — „קלאפפ", באלד — „אקקארסט", קונץ — „קונטש", אויף בעטען — „מתפלל זיין", וואונדער — „מוקשהדיג", שאנקען — „מנדב זיין", מעקלערין — „סרסרין", שמיסען — „שמועותען", אפלייקענען — „מכחיש זיין", געשטארבען — „שבק חיים לכל חי געווען" א. ז. וו." אונ דאס קינד נעביך האט געבראכען די צונג אונ געמוטשט איהם נאכזאגען ווארט ביי ווארט. אום צו פערמיאוסען דאס אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט, האט דער ליטוואק (אויף קיין גוט ארט זאל ער ניט שטעהן!) צו גענומען דעם קינד נייע חברים, ווי למשל דעם געוויסען ש מ״ר׳ן אליין אונ נאך פיינע יונגען, וואס האבען דאס קינד געמאכט פאר א קאליקע, פערשמוציגט אונ פערמיאוסט, אזוי אז אפילו פרוג אליין, וואס פלעגט זיך אפט פערנעמען מיט דעם קינד אונ זינגען דעם שאנע אויסגעצייכענטע לידליך, האט אויך נישט געקאנט העלפען. אונ עס איז פונ׳ם קינד געווארען

אַ הֶל. בְּתוֹךְ כַּךְ אִיז צְוִוישֶׁען דֶעם ה׳ צֶעדֶערְבּוֹים און צְוִוישֶׁען דֶעם לִיטְוַואק (נִיט גֶעדַאכְט זָאל עֶר וֶוערֶען!) אוֹיסְגֶעבְּרָאכֶען אַ מַחֲלוֹקֶת אוֹיף טוֹיט. צֶעדֶערְבּוֹים הָאט גֶעטַעֲנֶעט: „גִיבּ מִיר אָפּ דָאס קִינְד, גֶענוּג דִיר שׁוֹין, לִיטְוַואק, צוּ נִיאַנְטשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם" און דֶער לִיטְוַואק (יִמַח שְׁמוֹ!) הָאט גֶעשְׁרִיגֶען: לֹא מִיט אַיין אַלֶף! דָאס קִינְד אִיז בַּיי מִיר, ס׳אִיז מַיינְס, אִיךְ הָאבּ אוֹיף דִיר אַ כְּתַב! נִישְׁט מִיר, נִישְׁט דִיר, אַ כַּפָּרָה דָאס קִינְד, נִצָּחוֹן אִיז לִיבֶּער!.. אַהִין אַהֶער, עֶס אִיז אַוֶועק אַ לַאדֶענִישׁ און דָאס קִינְד נֶעבִּיךְ, ווִי עֶס פִּיהְרְט זִיךְ, אִיז צְוִוישֶׁען יָא און נַיין דֶערְשְׁטִיקְט גֶעוָוארֶען; פּוּנְקְט פַּאר-אַיָאהֶרֶען אִין דֶער צַייט, זוּמֶער תרנ״א, אִיז דֶעם אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דִי יָאהְרֶען און דָאס „יוּדִישֶׁע פָאלְקְס-בְּלַאט" הָאט שָׁבַק חַיִּים לְכָל חַי גֶעוֶועזֶען, דָאס הַייסְט אוֹיף אוּנְזֶער לָשׁוֹן פָּשׁוּט גֶעשְׁטָארְבֶּען. עֶס מֶעג הָאבֶּען אַ לִיכְטִיגֶען גַן-עֵדֶן, ס׳אִיז גֶעבִּיךְ גֶענוּג אָפְּגֶע-קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. גֶעבֶּע גָאט, אַז עֶס זָאל אִין גִיכֶען נָאךְ אַ מָאל מְגוּלְגָל וֶוערֶען דָא, אוֹיף דֶער זִינְדִיגֶער עֶרְד, און מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען דָאס גֶעזוּנְד און שְׁטַארְק אוֹיף אַלֶע אֵבָרִים און מִיט לַאנְגֶע יָאהְר — אָמֵן.

## בריפקאַסטען.

הערן פ. פ—ר אין ב—ק: וואס ווילט איהר האבען פון פרוגען? „פיהרט" איהם ניט „איבער" זיינע לידער!—ה׳ ב. ג. ד. אין פ.: איהר ווילט זיך צוריק צענויפגעהן מיט אייער ווייב — וואס געהר זיך דאס אן מיט דער „יוד. פאלקס-ביבליאטהעק"? ה׳ מאטיל קארפ אין ב:

איך פערשעלט מיר מיין געבוין
אַז איך טהו זיך דערמאנען אַצונד
2 אַרשין זאהנע 18 קאפיקעס
6 אַרשין צייץ 64 קאפיקעס...

די לעצטע 2 שורות פון אייער ליד זענען דוקא נישקשה.—ה׳ פ—ל ג. אין ל—וו: איהר זאגט אז איהר זענק בטבע ניט קיין נארר; גיט זשע אונז אדרבה איין עצה, ווי אזוי קאנען מיר אייערער פטור ווערין? — ה׳ א. גר. אין פ—ק: נישקשה אייער „בעני דער באָבעס" מעג זיטצען דארט.— ה׳ א׳ש׳ל אין ה:

מיר וואהלט זיך ווען אין גן עדן
אַריינגעהן נאר אויף איין מינוט,
זעהען זיך דארטען מיט מיין זיידען
אי ווי וואהלט מיר דאַן זיין גוט!

יא, גוט שמיסט ניט: נאר קיין לידער וואהלט איהר אונז שוין פון דארטען ניט געשיקט! —ה׳ י. אין ש״ל: א שײנעם דאנק אייך פאר דער ידיעה, אז פון שישלעוויץ קומען ארויס אייער אהן שאלעכץ. -- ה׳ מ—ל. פ; אין פ: אט ווייסט איהר וואס? לאזען זיי געהן צו אלהע „ריחעס" אלע אייערע „סטיחעס". — ה׳ בנימין חיים ר—יי—ז אין יעהופעץ: איהר האט גארנישט געוואוסט אז די „יודישע פאלקס-ביבליאטהעק" לעבט? נעביך! מע זעהט טאקי ארויס נאך אייערע טרעהרען, אז איהר זענט באמת א גוטערפריינד פון דער „פאלקס-ביבליאטהעק", איהר געהט אויס, זענט גאר די כפרה נאך איהר! לכן זענען מיר אייך מודיע אז דער דריטער טאם דרוקט זיך און עס קומען אהין אריין ארטיקלען פון: אבראמאוויטש, בינשטאק, בן-עמי, גאלדפאדען, טשערני, יהל״ל, לעווינסקי, מרגלית, סאקאלאווסקי, פען, פרוג, רעוווין, רבניצקי, שולמאן, שלום עליכם און אנדערע. (אייער ארטיקעל לײדער קאן נישט זיין אפגעדרוקט איבער איין אורזאכע, וואס עס פאסט נישט דא ארויסצוזאגען.)—ה׳ ש. פ—ן אין א: דער דריטער טאם „פאלקס-ביבליאטהעק" וועט קאסטען 1 רובעל מיט פארטא. — ה׳ א. ק. אין ק: זייט געזונד און „שרייבט ברייוליך"!...

צו איניגע יודישע מחברים און ארויסגעבער:

רבותי! מיר קענען דאך אייך, אז איהר האט ליב נאכצוטהון יענעם, ובפרט שלום עליכם׳ן, ווארום אז שלום עליכם גיט ארויס א „ביבליאטהעק", בעדארפט איהר דאך אלע ארויסגעבען „ביבליאטהעק׳ען"; אַז שלום עליכם גיט ארויס א בוך אויף רויזענפאפיר, בעדארפט איהר דאך אלע דאס זעלבע פאפיר. על כן זאלט איהר וויסען זיין, אַז דאס רויזענפאפיר איז צו בעקומען נור אין בויבעריק; פאהרט, זייט מוחל, אַהין... שלום עליכם, האט אַמאל אַרויסגעלאזט אַ ביכעל „שמר׳ס משפט" מיט אַזא מין פאדערבלאט:

שמר׳ס משפט

האבען אלע אָנגעהויבען צו דרוקען זייערע ביכליך מיט דעם זעלבען שער אין דער ברייט. לכן זייט וויסען אז עס איז שוין אוים מאָדע, עס וועט גיך ערשיינען א ביכעל פון שלום עליכם וואס וועט זיין געדרוקט קאפויר אויף אזא מין אופן: „LAL G.GALINGAL"׳, חאפט אין דערגיך און הויבט אן צו דרוקען „פיפערנאָטערס" און למען השם קאפויר!...

## עס דרוקט זיך דאס דריטע בוך

# „יודישע פאלקס-ביבליאטהעק".

## פון שלום עליכם

(III יאהרגאנג)

אינ'ם דריטען טאם „יודישע פאלקס-ביבליאטהעק" קומען אריין די דאזיגע ארטיקלען:
I „צו מיינע ליבע יודען" פון מ. נשה מרגלית. — II „דאס ווינשפינגעריל" פון מענדעלי מוכר ספרים. —
III „דער וכוח" פון ש. פרוג. — IV „א מעשה פאר יודישע קינדער" פון בן-עמי. — V „צו אונזער משורר
פון יעקב רעוויזין. — VI „עמיגראציע און קאלאניזאציע:" פאלעסטינא, נארד-אמעריקא און ארגענטינא
פון ש. פען. — VII „פראגרעס ציוויליזאציע" (א פאעמא) פון שלום עליכם. — VIII „אונטער דעם שטורעם
פון יעקב רעוויזין. — IX „א ווינטערנאכט" פון ל. בינשטאק. — X „דער המן-טאש" פו
א. גאלדפאדען. — XI „פון מיין לעבען" (אויטאביאגראפיע) פון יעקב רעוויזין. — XII „אהער או
אהין" פון א. צוויפעל. — XIII „דער אלטער גאט לעבט" פון א. גאטלאבער. — XIV „די איבער
געהאפטע בריעף" (פעליעטאן) פון שלום עליכם. — XV „מאטעריאלען" צו דער יודישער היסטאריע פ
פערשידענע קוועלען. — XVI „על נהרות בבל" פון יעקב רעוויזין. — XVII „יודישע וויצען, משלים או
מעשיות", געזאמעלט און ארויסגעגעבען פון שלום עליכם. — XVIII „נייע ביכער" (קריטיק) פון הביקצין.
XIX די געשיכטע פון דער ושארגאן-ליטעראטור פון א. שולמאן. — XX „**מארקוס בלאנק**" (א ראמא
אין 2 טהייל) פון שלום עליכם. — אויך ארטיקלען פון: ד"ר טשערני, יהל"ל, יאמפאלסקי
לעווינסקי, ד"ר סאקאלאוויסקי, שולמית און אנדערע.

---

צו יודישע שרייבער און קארעספאנדענטען:

מיר בעטען יעדען, וועד עס האלט נור א פעדער אין האנד און האט השק צו קארעספאנדירען, ער זאל אונז בעשרייבען אלסדונג, וואס קומט פאר אין זיין שטאדט צווישען יודען, אלע וויכטיגסטע נייעסען פון שטאדטזאכען, מסחר, עמיגראציע א. ז. וו. די קארעספאנדענציעס מעגען זיין געשריבען פון יעדען ווי ער קאן און אין וואסער א שפראך ער וויל: יודיש, רוסיש, העברעיש, דייטש, — נישט אין קיין פעליעטאנען, ראמאנען און לידער, נאר פשוט ווי מע שרייבט איינער צום אנדערען אין א בריעף. אדרעססירען די קארעספאנדענציעס צום רעדאקטאר פון דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק":

Въ ОДЕССУ, Канатная 26, СОЛОМОНУ РАБИНОВИЧУ.

אלץ וואס נור וויכטיג איז און עס האט וואס עס איז פאר א אינטערעס פאר דעם לעזער וועט מיט דאנק אויפגענומען ווערען און זיין אפגעדרוקט אין דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק". אינ'ם דריטען טאם און ווייטער.—

# יודישע וויצען, משלים און מעשיות

געזאמעלט און ארויסגעגעבען פון ש ל ו ם ע ל י כ ם.

לצנות – איז א יודישע זאך. וועלכער יוד האט פיינט אויסהערען א שאנע מעשה, א משל, א גלייכ-ווארטיל? ווען איז א יוד ניט אויפגעלעגט צו וויצלען זיך, נישט פאר גרויס ראסקאש חלילה, נאר אדרבה פאר צרות, ארעמקייט, שפלקייט און שטענדיגע דאגות פרנסה? עס איז דענן פאראן א גרעסערעס פערגניגען חי שטעהן אויף דער גאס, צי אין בית-המדרש רעד-ליכהייז און אפשפעטען פונ׳ם פרנס חודש, חוזק מאכען פונ׳ם נגיד דעם בעל-טאקסע און אפלעצעווען פונ׳ם קלענסטען ביז׳ן גרעסטען, דאס הייסט שטעלען א פייג אינטערען טיש נאר א נרויסע? זאגט א יודען וואס אין דער קארט, אבי מיט א וויץ, איז ער צופרידען. א מגיד אז ער שטעלט זיך אין שוהל צוזאגען, שיט ער איבער די דרשה מיט משלים, מעשיות און שטעכווארטליך און דער עולם קוועלט אן, ווערד צעשמאלצען. חאטש עס דערלאנגט איהם טיף אין דער לעבער. די יודישע לעגענדע האט בעשאפען איהרע מארשעלאקען, ווערטיל-זאגערס, קאטאוועסטרייבער אין יעדען קאנט אונטער איין אנדער נאמען: שמעריל שניטקעווער, יוסיל מארשעלאק, ר׳ הערשעלע אסטראפאליר, ר׳ שלמה לודמירער און נאך אנדערע. וואס איז דאס געווען פאר מינים פארשוינען – איז שוועהר צו זאגען; נאר די מעשיות, וואס מע דערצעהלט פון זיי נאך, זענען אפט מאל טיף און שארף און אנגעטינקען אין דעם געפעהרליכען סם פון סאטירע. עס פערשטעהט זיך, אז נישט אלסדינג, וואס רופט ארויס א געלעכטער, איז א חכמה, און נישט יעדער וויץ איז וויציג; עס טרעפען אפט מאל חכמות נארישע, וויצען אהן זאלץ. משלים אהן פעפער און מעשיות אזעלכע, וואס איז א שאנדע זיי צו דערצעהלען אין א לייטישער געזעלשאפט (צום ביישפיל דאס ביכעל פונ׳ם „דראזשנער רב" וכדומה אזעלכע שאנע ביכליך). דערפאר אבער זענען פאראן ביי אונזער פאלק משלים פון מגידים, וויצען און ווערטער פון קלוגע מענשען, וואס פערדינען באמת צו זיין גע-זאמעלט און ארויסגעגעבען אין א בעזונדער ביכעל. – דאס אויסצופולען האבען מיר גענומען אויף זיך און געבען דא אלס מוסטער אייניגע פון יודישע וויצען, משלים און מעשיות און ווענדען זיך מיט א בקשה צו איטליכען בעזונדער פון אונזערע לעזער, ווער עס ווייסט נור א יודישען וויץ, א משל אדער א מעשה, זאל זיך מטריח זיין איבערצוגעבען אויף פאפיר, ווי אזוי ער קאן, און אזוי גוט זיין דאס צו-שיקען צו אונז בעצייטענס, בכדי עס זאל בעארבייט ווערען און זיין אפגעדרוקט אין דער „יודישער פאלקס-ביבליאטהעק" *); נאר נישט פערגעסען, אז מיר קלויבען עכט יודישע וויצען, משלים און מעשיות, נישט קיין אלגעמיינע אנעקדאטען, פלאטשיגע ווארטליך און פוילע וויצען, וואס געפונען זיך היינט לרוב אין יעדען יודישען קאלענדאר.

---

*) די נאמען פון די וואס וועלען אונז דעם דאזיגען מא-טעריאל צו שיקען וועלען זיין, ווער עס פערלאנגט, אפגע-דרוקט אין דער „י ו ד י ש ע ר  פ א ל ק ס-ב י ב ל י א ט ה ע ק" אלס מיטארבייטער פון דער זאך.

## דעם אמת פארן טוידט.

א רייכער עם הארץ, א גרויסער קמצן האט בעדארפט שטארבען. א פאר שעה פאר׳ן טוידט זעהט ער עס קומען אריין צו איהם די שאנסטע בעלי בתים פון דער שטאדט. נישט גערעכט זיך אויף אזא כבוד, זעצט זיך דער נגיד אויף מיט די לעצטע כחות, און מאכט צו די אריינגעקומענע.

– איך דאנק אייך, איך דאנק אייך פאר דעם, וואס איהר גיט מיר אפ אזוי פיל כבוד. גאט ברוך הוא מעג אייך בעצאהלען דערפאר בכפל כפליים.

–יא – ענטפערען איהם די בעלי בתים – פערשטעהט איהר, איהר קלויבט זיך דאך אוועקצוגעהן אהין, אין דער אמתער וועלט אריין, און קאנט נאך חלילה שטארבען מיט דער מחשבה, אז איהר זענט געווען א שאנער יוד און א בעל-צדקה; לכן זענען מיר אלע שבעה טובי עיר געקומען אייך מכריז ומודיע זיין. אז איהר זענט געוועזן, במחילה כבודכם, א גרויסער, א גרויסער דבר אחר...